STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10921

DI ASIMILATSYE

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ח. זשיטלאָווסקי.

די אַסימילאַציע

וואָס זי זאָגט צו און וואָס זי גיט.

ווינען
פֿערלאַג: „נייע וועלט"
דרוק „דרוקאַרניאַ לוואָווסקאַ" לעמבערג, קאָפּערניקאַ 11.
1914.

אפט מאל, ווען מיר פלעגט אויסקומען צו פירען ויכוחים מיט אונזערע אסימילאטארען, — דערהויפט מיט די סאציאליסטישע ארבייטער וואס האבען זיך ערשט גענומען רייסען פון דער אידישער וועלט צו דער אסימילאציע — פלעג איך בעמערקען, אז אין זייערע מוחות האט זיך ניט גאר ריכטיג אבגעשפיגעלט די שטעלונג, וועלכע ביידע צדדים, — די אסימילאנטען און די פראגרעסיווע נאציאנאליסטען, — נעהמען איין אין דעם קאמף.

זייער פארשטעלונג וועגען דעם קאן איבערגעגעבען ווערען אין אזא מין בילדליכער פארם:

אבגעשניטען פון דער ליכטיגער וועלט און דער מענש-הייט, לעבט דאס אידישע פאלק אין א פינסטערער הייהל. אמאל איז אויך דער צוגאנג צו איהר געווען פערמויערט אזוי, אז קיין שטראל פון דער זון האט פון ערגעץ ניט געקאנט אריין שיינען אין איהר. שוואך בעלויכטען פלעגט זי ווערן נאר פון אינוועניג, פון ארעמע, קליינע היילינגע פייערלעך: פון א נשמה-ליכט, א הבדלה-ליכט, א חנוכה-לעמפעל און דערגלייכען. פון די דאזיגע טונקעלע היילינגע פלעמעליך פלעגען אומגעהן ציטעריגע געהיימניספולע שא-טענס איבער די גראהע, פייכטע שטיינערנע ווענד, און אלעמען האט זיך געדוכט, אז דאס איז ניט קיין שפיעל פון אייגענע שאטענס אויף די גראהע ווענד נאר אז דאס זענען סודות — טיעפע שריפט-צייכענס פון א געטליכער בשורה צו אונז, אן אנזאג אויף א וואונ-דערליכער גאולה און א בעפעהל צו ליידען און צו ווארטען און בשום אופן ניט ארויסצוגעהן פון דער הייל. און אונזער גאנצע נשמה, אונזער גאנצער בענקען און האפען איז געווען געווענדט צו די סודות-פולע שאטענדיגע צייכענס.

אבער אט האט דער פראגרעס פון דער מענשהייט דורכגע-בראכען דעם פערמויערטען צוגאנג צו דער פינסטערער הייהל, און פאסען פון בלענדענדען טאג-ליכט האבען זיך אריינגעריסען אין איהר. וואו נאר זיי פלעגען פאלען אויף די ווענד, פלעגט תיכף פערשווינדען

דר. ח. זשיטלאָװסקי

דער פֿער׳כּשופֿ׳טער שאָטען־שפּיעל. אַ נײַע װעלט האָט זיך געעפֿענט פֿאַר די, װאָס זענען געשטאַנען נאָהענט צום אַרױסגאַנג: אַ װעלט פֿון מונטערן טאָג און זונען־שײַן, מיט װײַטע, אומענדליכע האָריזאָנטען. קלאָר איז דעם זונען־שײַן איז בײַם אַרױסגאַנג געלעגען דער װעג פֿון דעם אַלגעמײן־מענשליכען פּראָגרעס, װאָס פֿירט צו גליק און פֿרײד פֿאַר אַלע מענשען־קינדער, אָהן אַ שום חילוק פֿון ראַסע, גלױבען און קולטור.

און די בעסטע, די פּראָגרעסיװסטע פֿון דעם אידישען פֿאָלק האָבען זיך אַלזאָ געטהאָן האַסטיג פֿון דער פֿינסטערער הײהל און זיך אַרײַנגעװאָרפֿען אין די אָרעמס פֿון דער אַלגעמײנער, פּראָגרעסיװער מענשהײט. די בעסטע, די פּראָגרעסיװסטע, — דאָס זענען זײ, די אַסימילאַטאָרען, װאָס פֿליהען פֿון דער פֿינסטערער גײַסטיגער קנעכטשאַפֿט צו דער ממשלה פֿון דעם זונען־שײַן, געצױגען פֿון די ליכטיגע װײַטע האָריזאָנטען. אָבער מיר, די צוריקגעבליעבענע, די רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטען, — אונזער אױג איז נאָך ניט געװאָהנט צו דעם בלענדענדען שײַן פֿון דער זון. און אונזער האַרצען זענען נאָך טיעף אײַנגעבאַקען די סודות־פֿולע צײכענס פֿונ׳ם שאָטען־שפּיעל אױף די װענד. מיר קאָנען זיך ניט זעגענען מיט דער קאַלטער גרױער, פֿײַכטער שטײנערנער הײהל און מיר לױפֿען נאָך זײ, נאָך די לױפֿענדע און פֿאַלען אױף זײ אָן פֿון רוקען און כאַפּען זײ פֿאַר׳ן קאָלנער און שלעפּען זײ צוריק, מיט אַלע כּוחות צוריק אין די פֿינסטערע הײהל אַרײַן...

אַזױ מאָלט זיך אױס אין די מוחות פֿון די אַסימילאַנטען דער זין פֿון אונזער קאַמף. דאָס איז אַ קאַמף פֿון פֿינסטערניס און ליכט: פֿון פֿינסטערע שאָטענס און אָבגעשלאָסענעם הײהלען־לעבען אױף אונזער זײַט, פֿון ליכטיגע האָריזאָנטען און צונױפֿגוס מיט דער גאַנצער פּראָגרעסיװער מענשהײט אױף זײער זײַט...

עס איז בלי ספֿק פֿאַראַן פֿיעל אמת אין יענעם אַלעגאָרישען בילד, אָבער נאָר ביז צו אַ געװיסען גראַד. פֿאַלש װערט ער אין גאַנצען, װען ער שילדערט אונזער צונױפֿשטױס. ניט אין דער הײהל װערט געפֿיהרט אונזער היסטאָרישער קאַמף, נאָר שױן דרױסען פֿון איהר און ניט פֿון רוקען פֿאַלען מיר אָן אױף דעם אַסימילאַטאָרישען געגנער, ניט פֿאַר׳ן קאָלנער ציהען מיר איהם צוריק: ברוסט אַנטגעגען ברוסט שטױסען מיר זיך צונױף אין קאַמף, די פֿינגער אײַנגעקרעמפּט אײנער אין דעם אַנדערנ׳ס גאָרגעל, װײַל געראַנגעלט זיך װערט דאָ אױף לעבען אָדער טױט!

די אסימילאציע

איך רעבען, די לעזער פערשטעהען גאַנץ גוט, און וועלכען זין איך געברויך דאָ די לעצטע פּאָר ווערטער. דער קאַמף פון די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטען אַנטגעגען די אַסימילאַטאָרען איז ניט קיין פערזענליכער קאַמף פאַר פּריוואַטע צוועקען. אין דעם פערזענליכען פּריוואַטען לעבען קאָנען מיר ווינשען איינער דעם אַנדערן כל טוב. דאָס איז אַ היסטאָרישער קאַמף פון פיינדליכע אידעען, וואָס קאָנען ניט לעבען פריעדליך איינע מיט דער אַנדערער, וואָס צווינגען צונויפשטויסען זיך ברוסט אַנטגעגען ברוסט אין אַ צאָרנדיגער פערניכטענדיגער שלאַכטקאַמף: טויט אָדער לעבען.

ווי קומען מיר אין אַזאַ לאַגע פון ברוסט אַנטגעגען ברוסט דרויסען פון דער היהל?

די דערקלערונג איז גאָר אַ פּשוט'ע. מיר, די פּראָגרעסיווע אידישע נאַציאָנאַליסטען, לויפען פון דאָרטען, וואוהין זיי, די אַסימילאַטאָרען, לויפען מיט אַזאַ האַסט... עס קאָן זיין, דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר זענען פריהער, אַסך פריהער אַרויס פון דער היהל, אָדער ווייל אונזערע פיס זענען געוועזען בעפליגעלט, אָדער ווייל דער אויבערשטער האָט אונז מזכה געווען מיט קפיצת הדרך, — אָבער דער פאַקט איז, אַז מיר זענען פריהער דערלאָפען צו דעם סוף פון דעם וועג, אויף וועלכען די אידישע אַסימילאַנטען געהען ערשט אַרויס. און ווען מיר זענען דערלאָפען ביז צום סוף האָט זיך פאַר אונזערע אויגען אַנטפּלעקט אַן אָבגרונט און אַז מיר האָבען אַריינגעבליקט טיעף אין דעם תהום, האָבען מיר דערזעהען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אָנגעפילט אונזערע הערצער מיט צער און מיט אַנגסט...

מיר האָבען דאָרטען דערזעהען ווידער לויערן יענע שלאַנג, מיט הדרי קעפּ, פאַר וועלכער מיר זענען אַנטלאָפען פון דער היהל; יענע דריי־קעפּיגע שלאַנג, וואָס איין קאָפּ איהרער רופט זיך: „אַנטיסעמיטיזם‟ און דער אַנדערער: „דער נידעריגער קולטור־מעמד פון די מאַסען‟ און דער דריטער: „די פערהויקערונג פון דעם אידישען מהות מענש‟...

און מיר האָבען גענומען לויפען צוריק און דאָ האָבען מיר זיך געמוזט צונויפשטויסען מיט דעם אַסימילאַנט ברוסט אַנטגעגען ברוסט.

וואָס האָט אונז אַרויסגעטריבען פון דער היהל? און וואָס איז געלעגען דער מאַגנעט פון די ווייטע ליכטיגע האָריזאָנטען, וואָס האָט אונז אָבגעריסען פון אונזער פאָלק און האָט דעם געדאַנק

דר. ח. זשיטלאָווסקי:

פון פערשווינדען צווישען די פעלקער געמאַכט אַזוי הייליג און צוציהענד? פאַר וואָס?

גלות, אין דעם גרויסען אידעאַל פון ברידערליכען פעלקער־צונויפגוס זענען דאָ גענוג מאַגנעטישע עלעמענטען, וואָס זאָלען צוציהען צו זיך מוחות און הערצער פון אַלערליי מענשען, צו וועלכען פאָלק זיי זאָלען ניט האָבען געהערט. אויך אין די אידעאַלען פון דער אידישער אַסימילאַציע האָט ביי אונזער דור הויך געקלונגען דער רוף פון דעם קאָסמאָפאָליטישען סאָציאַליזם. ער האָט פאַר אונזערע אויגען אויסגעמאָלט דאָס בילד פון דער פעראייניגטער מענשהייט, אַ בעפרייטער פון אַלע קייטען, נאָכדעם ווי עס וועלען ווערן אָבגעשליפט ביז צום גרונד אַלע מויער־ווענד און בארירען, וואָס האָבען פאַנאַנדערגעטיילט די מענשליכע קינדער ביז אַהער: די גרענעצען פון די מדינות, די ראַנגען און מדרגות פון קלאַסען און שטאַנדען, די אָהן־טעם־געוואָרענע סכסוכים צווישען רעליגיע און רעליגיע, די אויסגעוועפטע פערשידענקייטען פון פאָלק צו פאָלק.

אָבער עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די דאָזיגע ליכטיגע אידעאַלען זענען ביי אונז געווען אָנגעזאַפט מיט אַ בעזונדערער שנאה צום אידישען פאָלק, אָדער לפחות מיט אַ גלייכגילטיגקייט צו דעם גורל פון די אידען, ווי איינצעלנע מענשען.

ניין, ניט נאָר דער אַלגעמיין־מענשליכער אידעאַל (וואָס נעהמט דאָך אידען אויך אַריין אין זיין קרייז) איז געווען דער אויבערהאַר איבער אונזער נשמה, אויך שפעציעלע אידישע לעבענס־נויטען האָבען דערנומען אונזער האַרץ.

אין דעם אויבען־אָן פון די אידישע צרות איז געשטאַנען דער אַנטיסעמיטיזם, מיט זיינע רדיפות אָהן אַ צאָהל און אָהן אַ מאָס, מיט זיינע בעגרעניצונגען און פערצאַמונגען, וואָס ער האָט אויסגעבויט פאַר אונז כמעט אויף אַלע וועגען און שטעגען. ווי ווערט מען פטור פון יענעם אָנשיקעניס, וואָס פערביטערט יעדע שעה פון אונזער לעבען? פון וואַנען נעהמט זיך יענע אייביגע רשעות צו אונז? די אַלטע וועלט האָט אין דעם אַנטיסעמיטיזם געזעהען קודם גאָטס שטראָף פאַר אונזערע זינד, פאַר אונזער ניט־גענוג־טריי־זיין צו די טויזענדער און אָבער־טויזענדער געבאָטען פון דעם אידישען גלויבען. אָבער צו דעם האָט זי אויך ניט פערשוויגען די אכזריות, די אומברחמנות'דיגע ווילדקייט פון די פרעמדע פעלקער, אין וועמעס הענט נאָך האָט אונז — אין זיין גערעכטען גרימצאָרן —

איבערגעענטפערט. וואלטען מיר תשובה געטהאן, וואלט דער אוי־בערשטער זיך אבגערעכענט מיט אונזערע פייניגער און אויסגעלעזט אונז פון זייערע הענד.

אגאנץ אנדערן ענטפער האט געמוזט געבען אויף דער שאלה די אויפגעקלעהרטע אסימילאציאנס־טעאריע.

די געדאנקען פון אויפקלעהרונג און בילדונג וואס האבען זיך, ווי די שטראהלען פון דער זון, אריינגעריסען אין דער היידל, האבען געמאכט א נפקא מינה צווישען דער רשעות צו אונז אין דער פערגאנגענהייט און דעם אידען־האס פון דער געבילדעטער אויפגעקלעהרטער צייט. די ערשטע איז געווען א פראדוקט פון דעם בלינדען רעליגיעזען פאנאטיזם, וואס האט געהערשט אין דעם מיטעל־אלטער און וואס האט אנגערייצט איין רעליגיע אנטגעגען דער אנדערער. אין יענעם פאנאטיזם זענען די פעלקער און נאר די פעלקער געווען שולדיג. אין יענע צייטען זענען מיר, אהן א בועקעל חטא פון אונזער זייט, אריינגעטריבען געווארען אין די פינסטערע היידל, און דעם ארויסגאנג פון איהר האט מען פערמויערט פון דרויסען. אבער פון יענער צייט אן האט זיך דער גורל איבערגעביטען: די פעלקער זענען געווארען אליץ געבילדעטער, ציוויליזירטער און טאלעראנטער, בעת אונזערע זאפטען זענען אין דער היידל אליץ מעהר פערדארבען געווארען, אליץ מעהר דורכגעמישט געווארען מיט א שנאה און א פעראכטונג צו די אומות העולם. איצטער זענען מיר די שולדיגע און ניט זיי. זיי זענען שוין אנגעגרייט אויפצוברעכען די מויערן, וואס שיידען אונז פאנאנדער. דער ארויסגאנג איז שוין פריי געמאכט לאמיר פערלאזען אונזער אומגליקליכע תפיסה, לאמיר ארויס אויף דער ליכטיגער זון, לאמיר זיך צונויפגיסען אין איינעם מיט די אומות העולם, האנד און האנד מיט זיי א לאז טהאן זיך אויף דעם וועג פון דעם אלגעמיין־מענשליכען פראגרעס און — אין א דור אדער צוויי וועט פון דעם אנטיסעמיטיזם, לפחות, ביי די געבילדעטע, ניט בלייבען קיין סמן און קיין זכר.

די אסימילאציע מיט די איבעריגע פעלקער — האט ווייטער גע־מעגה׳ט דער „גייסט פון דער נייער צייט" („רוח העת החדשה"), — איז ניט נאר נויטיג פאר אונז, כדי פטור צו ווערען פון דעם אנטי־סעמיטיזם. זי איז אפשר נאך נויטיגער פאר אונזער אייגענעם גייסטיגען לעבען, פאר דער פערבעסערונג פון דעם גע־זונקענעם קולטור־מעמד.

דר. ח. זשיטלאווסקי:

די גאנצע צייט, וואס מיר האבען פערבראכט אין דער אבגעזונדערטער גייסטיגער אטמאספערע, האבען מיר זיך געקאכט אין אונזערע אייגענע זאפטען. מיר האבען געשפייזט אונזער מוח און אונזער הארץ מיט דער דערקלערונג פון די שאטענס, וואס האבען מיסטעריעז אומגעבלאנקעט איבער די נאסע, גרויסע שטיינערנע ווענד פון אונזער היהל. אין אונזער קולטור־מעמד איז דעריבער געפאלען פון דור צו דור. טיעפע עם־הארצות בנוגע צו אלץ, וואס קומט פאר אין דער נאטור און אין דעם מענשליכען לעבען; א גלויבען אין רוחות און שדים, נסים און מופתים, רביים און בעלי־שם׳ען, טאטערן און מכשפים, סגולות און לחש׳ען; א בטלנישע אבגעלאזטקייט אין וואוהנונג, קליידונג, ריינליכקייט און דרויסענדיגען אויסזעהען; א קינדערישע אומבעהאלפענקייט אין אלע מילין דעלמא, אין אלע וועלטליכע ענינים; אן עקאנאמישער לעבען פון שטויב און ווינד, פון האנד און מויל, פון אומגעהן שלינג־און־שלאנג און קוועטשען די באנק אין די קלייזלעך אדער די בתי־מדרשים; אין בעסטען פאל א לעבען פון א פאראזיט אויף דעם קערפער פון דעם „גוי״, — אזוי פערזומפט און פערהויקערט איז געווארען דאס אידישע לעבען און די אידישע ליטעראטור. און אויף דעם הויקער זענען געזעסען רייטענדיג די צדיקים און רביים, די קהלם־לייט און כלי־קודש און האבען איבערגעכאפט דעם ביסען, וואס יעדערער האט געטראגען צו זיך אין מויל אריין. און אין דעם זומף האבען זיך געווידמעט שקצים און רמשים, וואבערניקעס און מוסרים, הונגעריגע בלוט־ווערים, וואס האבען נאר געווארט אויף דער געלעגענהייט, וואוהין עס איז אריין־צו־שטיפען זיך און אנהויבען זויגען די חיונא...

אט דער גאנצער שפל׳ער קולטור־מעמד, — האט אונז געלערנט דער אסימילאציאנס־אידעאל, — וועט אבער מיט אמאל זיך אהויב טהאן אין דער הויך, ווי נאר מיר וועלען זיך אבזאגען פון דעם אייגענעם נאציאנאלען קיום און וועלען זיך אויסמישען מיט די קולטורעל העכער שטעהענדע פעלקער.

און נאך א דריטע זאך האט אונז די השכלה־צייט צוגעזאגט אין דעם נאמען פון דער אסימילאציע: די אויספיינערונג פון דעם אידישען מהות מענש.

געדענקט דער לעזער אפשר נאך דעם טיעפען פאעטישען שיר פון היינריך היינע: „די פרינצעסין סאבאטה״ (די פרינצעסין שבת)? דאס אידישע פאלק ווערט דארטען פערגליכען מיט א בן־מלך,

ווען א בעזע מאכט האט פערכישופט אין א... הונד. גאנצע זעקס טעג אין דער וואך פערליערט ער זיין מענשליכע געשטאלט און לויפט אום ווי „א הונד מיט הינטישע געדאנקען“, אבער אט קומט צו איהם די פרינצעסין ,דער הייליגער שבת, און דער כשוף־טאג פאלט פון איהם צוראב און ער ווערט ווידער מגולגל אין א פרינץ.

די טענדענץ פון היינע׳ס שיר איז נאך ניט פריי פון יענעם סאטירישען, און בעסטען פאל הומאריסטישען בליק, מיט וועלכען היינע האט יעמאלט געקוקט אויף יעדע רעליגיע בכלל און אויף דעם אידישען גלויבען בפרט. ער זעהט גאך אין דער רעליגיע ניט מעהר ווי דעם פשוט׳ען מענשענס בענקשאפט נאך פעטע שמאלציגע הנאה פון לעבען, אויב ניט אויף דער וועלט, איז לאז זיין אויף יענער וועלט; זיין שטרעבען, לכל הפחות אין די יום־טובים א ביסעל א נאש טהאן פון דעם פעטען טעפעל גליק. די פרינצעסין שבת וואס איז, אונטער די קלאנגען פונ׳ם „לכה דודי“ פערשלייערט גע־ווארען צו דעם פרינץ ישראל,

אליין דערלויבט די איהר געליעבטען,
נאר ניט רויכערן קיין טאבאק —
„ליעבסטער מיין, דו זאלסט ניט רויכערן,
ווייל מען טאהר דאס ניט אום שבת.
און דערפאר וועסטו בעקומען
היינט צו וואַרמעס א מתנה,
א געריכט, באמת געטליך,
א גן־עדן־מאכל: טשאלענט“
און היינע דערקלעהרט ווייטער, אז
טשאלענט איז א הימעל־מאכל,
וואס דער ליעבער גאט בכבודו
האט געלערענט קאָכען משה׳ן
אויף דעם הייליגען בארג־סיני.

ניט קוקענדיג אויף דער לייכטער איראָניע, מיט וועלכער היינע בעהאנדעלט דעם אידישען שבת, האט ער דאך מיט זיין פאעטישען רוח־הקודש ארויסגעפונען דעם טיעפען און ערנסטען בעטייט וואס דער שבת האט געהאט אין דעם אידישען לעבען.

זעקס טעג אין דער וואך איז דער איד א הונט.
הונט מיט הינטישע געדאנקען,
קריכט ער אום די גאנצע וואך

דר. ח. זשיטלאָווסקי:

אין דעם קויט און מיסט פון לעבען,
אַ געשפּעט פאַר גאַסען-שקצים.
אָבער קומט דער שבת-קודש,
אַלע פרייטאָג בין השמשות,
פלוצלונג ווייכט פון הונט דער כשוף,
און ער ווערט אויף׳ס ניי אַ מענש.
מענש, מיט מענשליכע געפיהלען,
אויפגעהויבען קאָפּ און האַרץ,
געהט ער, אָנגעטהאָן שיער רייניך,
יום-טוב׳דיג אין פאָטערס פּאַלאַץ.

היינע האָט ניט בעמערקט, אַז דעם איבערקעהר פון הונד אין בן מלך האָט די פּרינצעסין שבת דורכגעפיהרט ניט נאָר דורך דעם וואָס זי האָט אויף אַ טאָג בעפרייט איהם פון דער גוטוועגדיגקייט אַרום צו קריכען ווי אַ הונד איבער דעם לעבענס קויט און מיסט. נאָך אַן אַנדער גבורה איז געלעגען אין דעם שבת, ווי אין דער גאַנצער אידישער רעליגיע בכלל: דער גלויבען, אַז די היינטישע עקסיסטענץ איז דעם אידען בעשערט ניט אויף אויביג, נאָר אויף אַ צייט, ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין און וועט שיקען זיין משיח, אויסצולעזען דאָס פאָלק פון גלות. אָט דער משיח-גלויבען, דער איינציגער פונק פון מענשליכען בן-חורין-געפיהל, — אָט דאָס איז געווען די מלכות׳דיגע קראַפט, וואָס האָט אויך אַרויס-געשטראַהלט פונ׳ם שבת. אין דעם טאָג פון רוה פלעגט דער איד פערליערען זיין אינדיווידועלע הונט-געשטאַלט און אָנגעהמען די נאַציאָנאַלע געשטאַלט פון דעם פערוואָגעלטען פּרינץ, וואָס בענקט ניט נאָר נאָך זיין הימלישען פאָטער, נאָר אויך נאָך זיין ערדישער היים, נאָך זיין לאַנד ישראל.

אַ שמץ פון דעם דאָזיגען נאַציאָנאַלען זין אינ׳ם אידישען שבת רייסט זיך דורך אויך אין היינעס ליעד דורך דער סאַטיריש-גוטמיטיגער טשאָלענט-שטימונג, און וועלכער ער האָט לייבער בע-זונגען דעם הייליגען אידישען טאָג. אַלץ נאָך רעדענדיג וועגען דעם טשאָלענט, דערצעהלט אונז וויטער היינע;

עסט דער פּרינץ פון יענעם מאכל,
גלאַנצט אין אויג עלית-נפש,
און ער קנעפּעלט אויף זיין וועסטעל,
מיט אַ גליקליך שמייכעל רעדט ער:
„הער איך ניט, ווי ס׳רוישט דער ירדן?“

די אַסימילאַציע

איהר וועט געוויס אויף מיר קיין פֿאַראיבעל ניט האָבען, וואָס איך האָב מיך אַזוי לאַנג אָבגעשטעלט אויף היינעס ליעד. עס איז באמת אַ צער, וואָס היינע האָט בעהאַנדעלט אַזאַ טהעמאַ נאָך אין דער צייט פֿון זיין יונגער אַפּיקורסות. שוין דערפֿאַר שלאָגט נאָך אַזוי שטאַרק פֿון דעם ליעד דער ריח פֿון דער ראַדיקאַלער השכלה. אָבער זיין זשעני האָט איהם שוין יעמאָלט אַריבער געטראָגען איבער דעם משכיליש-פּריוואָלען געלעכטער און האָט מיט דעם אָדלער-בליק דערזעהען דעם אינווענינסטען תוך פֿון דעם אידישען לעבען, וואָס האָט געהערשט ביז צו די אידעאַלען פֿון דער אַסימילאַציע.

יע, אין אַ דאָפּעלטער געשטאַלט האָט געלעבט דער איד: אין דער-וואָכען ווי אַ הונד, אים שבת, ווי אַ בן-מלך; און אין זיין דרויסענדיגער געשטאַלט, ווי אַ הונט, איז ער געוועזען אַ אויסטערלישער עקזעמפּליאַר פֿון דעם מין: „אַ הונט מיט היטישע געדאַנקען", וואָס האָט געהאַלטען נאָר אין איין טראַכטען וועגען בעקומען ער-גען-וואו אַ פֿעטביינדעל, וואָס האָט געלעקט די שטויב פֿון די פֿיס ביי די, וואָס האָבען איהם געשטויסען. מען פֿלעגט זיך דערי-בער טאָג-טעגליך בעגעהען מיט איהם ווי מיט אַ ברודיגען צו-געלאָפֿענעם כלב.

אָבער אינווענינ, אין האַרצען האָט געלעבט דער פּרינץ, און דאָס האָט דעם אידען געגעבען די קראַפֿט אויסצוהאַלטען די הינטישע עקזיסטענץ, אַריבערצוטראָגען די זלזולים און בזיונות, וואָס האָבען טאָג-טעגליך געהאַגעלט אויף איהם. די טויזענטער בעליידיגונגען און רדיפות האָבען נאָר בעשמוצט אָדער געמאַטערט זיין גוף; זיי האָבען ניט איבערגעלאָזען קיין איין שפּרענקעל אויף זיין נשמה. צו הויך האָט דער בן-מלך געטראַכט וועגען זיך, צו ניעדעריג זענען געוועזען אין זיינע אויגען די פֿיינדער. ער האָט זיי ניט גערעכענט פֿאַר מענשען און דעריבער האָבען זיי ניט געקאָנט אָנרירען זיין אינווענינסטען געפֿיהל פֿון איינענער חשיבות. אויף זייער שטויס מיט'ן פֿיס האָט ער געקוקט, ווי אויף אַ „בּרוק" פֿון אַ פֿערדעל, און זיין חנפֿה'נען און גלעטען האָט געהאַט אין זיך אַקוראַט אַזוי ווענינ עהרליכע קנעכטישקייט, ווי ווען מען חנפֿה'ט און מען גלעט אַ ווילד-געוואָרענעם לאָשאַק.

דאָס אַלץ איז אָבער געוועזען נאָר יעמאָלט, ווען דער גלויבען אין משיח און אין דער אויסדערוועהלטקייט פֿונ'ם פֿאָלק ישראל האָט געקאָנט לעבען אין די מוחות און די הערצער פֿונ'ם גאַנצען

פֿאָלק, ד. ה. ניט נאָר בײַ די עם-האַרצישע מאַסען, נאָר אויך בײַ די דענקענדע קעפּ.

ס׳איז ניט דאָ דער אָרט צו שילדערן, ווי אַזוי דער משיח-גלויבען האָט געמוזט אין גאַנצען פֿערשווינדען בײַ דעם געבילדעטערן עולם שוין אין דעם סוף פֿון דעם 18-טען און דעם אָנהויב פֿון דעם 19-טען יאָהרהונדערט: ער געהערט צו יענע אומרוהיגע שאָטענס אויף די ווענד פֿון דער פֿינסטערער הייהל, וואָס זענען תיכף פֿערבלאַסט געוואָרען, ווי נאָר אויף זיי איז געפֿאַלען דער פּאַס זונען-שײַן, וואָס האָט זיך מיט דער השכלה אַרײַן געריסען אין אונזער לעבען. און מיט דעם פֿערשווינדען פֿון דעם משיח-גלויבען, האָט מען אויך אָנגעוואָרען יענעם אינווענינסטען מאָראַלישען באַלאַנס, וואָס האָט געהאַלטען דעם אידען׳ס נשמה אין גלײַכגעוויכט און האָט זי ניט געלאָזט אין גאַנצען פֿערמקח-וממכר׳ט ווערן אין דער אַטמאָספֿערע פֿון דעם קלײנעם מסחר, ניט אין גאַנצען פֿערשטויבט ווערן אין די וואָלקענס פֿון שטויב און רויך, מיט וועלכע דאָס רוב פֿון דעם אידישען פֿאָלק האָט געהאַנדעלט.

און אײנעם מיט דעם משיח-גלויבען איז געשטאָרבען דער בן-מלך און געבליבען איז... דער הונד! און וואָס מעהר מענשליכע בילדונג עס האָט גענומען אַרײַן פֿליסען אין דער אידישער גײַסטיגער וועלט, אַלץ אומוערדיגער איז געוואָרען די הינטישע עקסיסטענץ, אַלץ אוממיגליכער איז געוואָרען, זי צו דערטראָגען. פּראָיעקטען האָבען זיך גענומען אַרום-טראָגען אין לופֿטען, ווי אַזוי צו פֿערוואַנדלען אידען אין „ניצליכע בירגער“, ווי אַזוי „אויסצומענשלען“ דאָס אידישע פֿאָלק.

„ווערט מענשען מיט מענשען גלײַך“. — איז געוואָרען דער לאָזונג פֿון דער השכלה. „ווערט מענשען“ — דאָס איז דער טײַטש: „הערט אויף צו זײַן אידען, לכל הפחות, אין דעם נאַציאָנאַלען זין פֿון דעם וואָרט“. גיסט זיך צונויף נאַציאָנאַל מיט די פֿעלקער, צווישען וועלכע איהר וואוינט. און ניט נאָר וועט די שנאה צו אײַך פֿערשווינדען, ניט נאָר וועט די קולטור, די אידישע זיך אויפֿהויבען צו אַ העכערער מדרגה, נאָר אויך דער מין מענש, וואָס איז פֿערהינטישט געוואָרען אין זײַן אָבגעזונדערטקייט פֿון דער איבעריגער וועלט, וועט ווערן אַן אַנדערער, אַ העכערער. דעם הינטישען גלגול וועט אָבשאַפֿען ניט די פּרינצעסין שבת און ניט נאָר פֿאַר איין טאָג אין וואָך, נאָר דאָס לעבען אין דער אַלגעמיין-מענשליכער אַטמאָספֿערע פֿאַר אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָהר.

מען מוז מודה זײַן: גלענצענד, בעצױבערנד זענען געװען יענע האָריזאָנטען, װאָס די אַסימילאַציע האָט אױסגעמאָלט פֿאַר דאָס אידישע פֿאָלק, און עס איז קײן חידוש ניט, װאָס די בעסערע עלעמענטען זײַנע האָבען זיך מיט אימפּעט אַ ריס געטהאָן פֿון דער הײַזל אַרױס, מיט יובעל-געזאַנג פֿאַר'משפּט צום טױט זײַער פֿאָלק און פֿרײַדיג אַרײַן געשטעלט זיך אין די מחנות פֿון דער פֿאָרװערטס מאַרשירענדער מענשהײַט...

עס איז שױן איצטער איבער אַ הונדערט יאָהר, װי די אידעאַלען פֿון דער אַסימילאַציע האָבען גענומען מקוים װערן אין לעבען. אין אײניגע לענדער, װי צ. ב. אין האָלאַנד, האָט זי אָנגעהױבען אידהר אַרבײַט נאָך אַ סך פֿריהער און איז שױן דערגאַנגען ביז צום סוף. די אַנדערע מעריב-אײראָפּעאישע לענדער, — ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, — האָבען זי באַלד אָנגעיאָגט. אין די מזרח-אײראָפּעאישע לענדער און אין אַמעריקע װאַקסט אידהר פֿאַקטישע מאַכט פֿון טאָג צו טאָג. עס איז, הײַסט עס, שױן דאָ גענוג מאַטעריאַל, כדי צו קאָנען פֿאַרענטפֿערן די שאלה, צי האָט די אַסימילאַציע געהאַלטען װאָרט און אידהרע צוזאָגען און װאָס האָט זי אונז באמת געבראַכט.

האָט זי אָבגעשאַפֿט אָדער, לכל הפּחות, שװאַכער געמאַכט דעם אַנטיסעמיטיזם?

האָט זי רײַכער און פֿרוכפּערער געמאַכט די קולטור פֿון די אידישע מאַסען?

האָט זי אױפֿגעהױבען צו אַ העכערער מדרגה דעם אידישען מין מענש?

דער װאָס קוקט מיט אָפֿענע אױגען אױף דער געשיכטע פֿון דעם 19-טען און 20-טען יאָהרהונדערט, פֿאַר יענעם אַנטפּלעקט זיך יענער „ביטערער אמת", אַז אין דעם פּרט פֿון דעם אַנטיסעמיטיזם האָט דער אַסימילאַציאָנס-אידעאַל אױפֿ'ן שענדליכסטען אופן באַנקראָטירט.

די שבחים פֿאַר דער אַסימילאַציע װאָס האָבען נאָך גאָר ניט לאַנג געקלונגען אַזױ הױך זענען איצטער עפּעס אַנשטומט-געװאָרען. אין דער ליטעראַטור מאַכען די אַסימילאַטאָרען אַ שװײַג װעגען די טובות, װאָס זײַער אידעאַל דאַרף ברענגען מיט זיך, אָדער ציהען גאָר אַרױף אױף דער אַסימילאַטאָרישער פּראַקטיקע אַ רײַן נאַציאָנאַליסטישען מאַנטעל. אָבער אין דעם לעבען האָבען זיך נאָך ניט אױסגענומען די שירים ותשבחות לכבוד דער אַסימילאַציע, דער

עיקר אין יענע שיכטען פֿונ'ם פֿאָלק, וואָס הויבען ערשט איצטער אָן אַראָפּטרייסלען פֿון זיך דעם מיטעלאַלטערליכען שלאָף, פֿאַר וועמעס אויגען עס הויבען ערשט איצטער אָן פֿאַנאַנדערצושפּיעלען זיך די רויזעג־פֿאַרבענע האָריזאָנטען פֿון דעם אַלגעמיין־מענשליכען פּראָגרעס און וועמעס אויערן עס ווערן בעכשופֿ'ט פֿון די גלענ־צענדע צוזאָגען, מיט די וועלכע די אַסימילאַציע טרעט צו זיי צו.

זיי מוז מען אויפֿקשטעלען אויג אַנטגעגען אויג קודם כל מיט יענעם „ביטערען אמת", אַז די אַסימילאַציע האָט ניט נאָר ניט אָפּ־געשאַפֿט, ניט נאָר ניט שוואַכער געמאַכט דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר אַז זי האָט איהם אין זעהר אַ גרויסער מאָס פֿערשטאַרקט און אַז אַנדערש האָט זי ניט געקאָנט ווירקען אין דעם פּרט, ווייל דער טרויעריגער רעזולטאַט פֿון איהר ווירקונג האָט געמוזט אַרויס־וואַקסען פֿון איהר אייגענער טבע.

קודם כל מוז מען זיך נעהענטער צוקוקען צו די פֿאַקטען גופֿה, וואָס זיי אַליין רעדען שוין אַ גענוג קלאָרע שפּראַך.

דער אַנטיסעמיטיזם איז ניט געבליבען בעגרעניצט אויף די אַזוי גערופֿענע רעאַקציאָנערע לענדער. גראָד אין די פּראָגרעסיווסטע, — דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך, — האָט זיך אין דעם לעצטען פֿערטעל פֿון דעם געבילדעטען נייענצעהנטען יאָהרהונדערט אַרויס געריסען, ווי פֿון אַ וואולקאַן, אַ געפֿעהרליכער אַנטיסעמיטישער פֿייער־שטראָם. און צו די טהעאָרעטישע פֿיהרער פֿון דעם אַנטיסעמיטיזם האָבען געהערט ניט נאָר אויסגעזונדערטע רעאַקציאָנערען, נאָר מענשען גראָד הויך־געבילדעטע און גאַנץ ראַדיקאַלע אין אַלע אַנדערע פֿראַגען פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען. די נעמען פֿון אַ וו. מאַרר, ברונא בויער, אויגען דיוהרינג אין דייטשלאַנד און ראָשפֿאָר אין פֿראַנקרייך בעווייזען, אַז דער ראַדיקאַלער געדאַנק איז ניט קיין שמירה פֿאַר דעם אַנטיסעמיטיזם.

און נאָך וויכטיגער איז פֿאַר אונז, סאָציאַליסטען, צו וויסען און צו געדענקען, אַז אפֿילו דער סאָציאַליסטישער געדאַנק איז ניט אַלע מאָל אַ שמירה אַנטקעגען דעם אַנטיסעמיטיזם. די פּראָ־ווינציעלע סאָציאַליסטישע פּרעסע אין ענגלאַנד און פֿראַנקרייך איז עד היום ניט פֿריי פֿון שנאה צו אידען. „אנשי שלומינו" פֿון די אַסימילאַטאָרען ווייסען דאָס גאַנץ גוט, מאַכען אָבער אַ שוויי־גען אָט דעם זעהר צוגעפֿוילטען ענין. אויך וואָלט מען געקאָנט אָנפֿיהרען אַ היבשע צאָהל נעמען פֿון סאָציאַליסטישע „גדולים",

בײַ װעמען עס רופֿט זיך נאָך אָב פֿון צײַט צו צײַט די אַנטיסעמיטישע מוטער־מילך.

אָבער ניט װעגען דעם װילען מיר הײַנטיגעס מאָל רעדען. די אַלע פֿאַקטען װאָלטען נאָך אפֿשר געקאָנט אויסגעטײַטשט װערן װי שיריים. איבערבלײַבסען פֿון אַ היסטאָרישער פּעריאָדע, װאָס האַלט אין פֿערשװינדען, װען אַפֿילו יעדער מוז צוגעבען, אַז אַזעלכע „שיריים" װערען ניט װעניגער װאָס אַ יאָהר, נאָר װאַקסען זיך פֿאַנאַנדער װאָס אַ יאָהר אַלץ מעהר. עס איז דאָ אַן אַנדער פֿאַקט. אַ נײַער, װאָס רופֿט אַרויס אין אונז נאָך טרויעריגערע געדאַנקען אײדער דער אַלטער אַנטי־סעמיטיזם.

כמעט אין אַלע לענדער פֿון דער אײראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער ציװיליזאַציע האָט זיך, נעבען דעם „געמײנעם" אַנטיסעמיטיזם פֿון דער אַלטער צײַט, אַרויסגעבילדעט אַן אײדעלערער סאָרט פֿון דעם זעלביגען מין: דער אַזױ אָנגערופֿענער אַ־סעמיטיזם.

װאָס איז די נפקא־מינה צװישען איהם און דער אַלטער רשעות? דער אונטערשײד צװישען זײ איז טעאָרעטיש אַ תהום, אָבער אין דער פּראַקטיקע זענען זײ אַ צװילינג, אויפֿגעיאָהרט פֿון אײן און דעמזעלביגען גיפֿטיגען מקור.

דער אַלטער אַנטי־סעמיטיזם איז געװען פֿעראינטערעסירט, — און ער איז נאָך אין דעם עד היום, — צו פֿערשװאַרצען אונז אין די אויגען פֿון דער װעלט. קײן בלבול, קײן נאַרישע באָבע־מעשה איז פֿאַר איהם ניט געװען צו שלעכט, ער זאָל זיך באַנוצען מיט דעם אין דעם קאַמף אַנטקעגען אונז. דער גאָר װילדער מין פֿון יענעם אַנטי־סעמיטיזם האָט זיך איצטער אַזױ רײַך פֿאַנאַנדערגעװאַקסען בײַ די העלדען פֿון דער „שװאַרצער מאה" אין רוסלאַנד, װאָס שטעלען זיך ניט אָב פֿאַר דער שװידערהאַפֿטער דערקלערונג, אַז דאָס אידישע פֿאָלק געהערט ניט צו דעם מענשליכען מין. הערט מען זיך אײַן זײער שילדערן דעם אידישען מהות, — און די פֿינסטערע מאַסען פֿון דעם רוסישען פֿאָלק הערען זיך גוט אײַן אין דעם, — מוז מען קומען צו דער מסקנא, אַז דער איד איז אַ מין בריאה, װאָס איז צונויפֿגעװעבט פֿון מענש און שד און איז מעהר שד, אײדער מענש. „אידישע קינדער װערען געבאָרען בלינד", האָט ניט לאַנג אַ רוסישער גלח דערקלערט אין קלױסטער פֿאַר זײַנע צוהערער „כדי זײ זאָלען װערען זעהענדיג, מוז מען זײערע אויגען באַשמירען מיט קריסטליך בלוט". דער ציעל, װאוהין די „שװאַרצע מאה" ציעלט, איז קלאָר. אידען זענען

ניט קיין מענשען, נאָר ווילדע האַלב מיסטישע ברואים, וואָס האָבען מיט כשוף אָנגעצויגען אויף זיך אַ מענשליך געשטאַלט, כדי צו קאָנען לעבען צווישען מענשען און צו קאָנען תמיד אָנטהאָן זיי שאָדען. און דעריבער איז גאָר ניט קיין עבירה, ווען מען דערשלאָגט אַ אידען, אדרבה, עס איז אַ מצוה איהם קורע-בגד-זיין און שענדען זיין טויטען גוף.

דער עם-הארצישער, נאַאיווער אַנטיסעמיט נעהמט אויף דעם דאָזיגען אַנטיסעמיטישען גלויבען בתמימות, און דער פשוטער פשטות פון אַ פינסטערן אַבערגלויבען. דער געבילדעטער אַנטי-סעמיט קאָן פערשטעהט זיך ניט צו געבען, דער איד זאָל געהערען צו דעם זעלביגען קלאַס האַלב-גשמיות'דיגע ברואים, ווי צ. ב. די לעגענדאַרע טיכער און די וועהר-וועלף פון דער פאָלקס-פאַנטאַזיע. ער האָט געשטודירט נאַטור-וויסענשאַפטען און ווייס, אַז קיין וועהר-וועלף זענען ניטאָ. אָבער אויף דעם גרונד פון דיזעלביגע נאַטור-וויסענשאַפטען האָבען די ראַזאָנאָרעס און די מענשיקאָוו'ס פון דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", אויפגעמונטערט דורך די אַרבייטען פון אַזעלכע טיפען און טאַגענטפולע דענקער, ווי טשעמבערלען און דיוהרינג, אויפגעבויט אַן אַנטראָפּאָלאָגישע טעאָריע, וואָס שליעסט „וויסענשאַפטליך" אויס דעם אידען פון דעם כלל-מענש. זיי האַלטען-אויף דעם פינסטערען פאָלקס-גלויבען אין דעם האַלב-טייוועלישען כאַראַקטער פון דעם אידישען מהות, ווייל ער איז אַ סימבאָל פון זייער אייגענער פאָרשטעלונג וועגען אונז, אָדער ריכטיגער, פון יענער פאָרשטעלונג, וועלכע זיי פליסען זיך אַריינצוברענגען אין די מוחות פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט.

גאַנץ אַנדערש דער אַ-סעמיטיזם. טעאָרעטיש און אין די עפענטליכע דערקלערונגען זיינע איז ער בשום אופן ניט קיין פיינד פון דעם אידישען פאָלק. דער מענשליכער כאַראַקטער פון דעם אידען ווערט קיין מאָל ניט אָבגעליקענט און זיין רעכט אויף אַ מענשליכען לעבען קיין מאָל ניט אָבגעפרעגט. און ער איז אויך ווייט דערפון צו דערקלערען דעם אידען פאַר אַ נידעריגערען מין מענש. עס זענען דאָ אַ-סעמיטען, ווי צ. ב. די ענגלישע, וועמעס געדאַנקען עס ווערען אַרויסגעזאָגט פון דעם בעקאַנטען, באמת טאַלענטפולען שריפטשטעלער טשעסטערטאָן, וואָס האַלטען פון דעם אידענס מענשליכע מעלות דוקא אַן עולם ומלואו. „איהר זייט קלוגע מענשען, טאַלאַנטפולע מענשען, מיט אַ רייכען בעשאַפערישען זשעני", זאָגען זיי צו אונז. „אַלץ, וואָס איהר נעהמט

איבער פֿון אַ פֿרעמדען פֿאָלק און פֿון אַ פֿרעמדער קולטור, בלײַבט בײַ אײַך ניט ליגען, װי אין אַ לעדיגער כּלי. איהר זײַט אַ לעבעדיגער, ענערגיע־פֿולער אָרגאַניזם מיט אײגענע אָריגינעלע בעשאַפֿונגס־מעטאָדען און דעריבער װערט אַלץ, װאָס דרינגט אַרײַן אין אײַער נשמה, איבערגעגאָסען אין אײַער אײגענעם בעשאַפֿערישען פֿורעם, און עס געהען אַרױס פֿון דאָרטען קולטור־פּראָדוקטען, װאָס בעצױבערן אינזער אױג דורך זײער אָריגינאַליטעט און פּראַכט“...

װאָס פֿאַר ליבע־פֿולע קאָמפּלימענטען! קלינגט דאָס ניט װי דער רײנסטער פֿילאָסעמיטיזם?

ציטעט אױף אַ װײַלע! הערט זיך אַ ביסעל טיפֿער אַרײַן אין דער סימפֿאָניע פֿון די נײַע שירים ותשבחות און אײַער אױער װעט באַלד אַרױסהערען דעם ברום־באַס, װאָס אַקאָמפּאַנירט די מעלאָדיע מיט אַן אײגענאַרטיגען מאָטיװ.

„אין דעריבער“, ברומט דער באַס, „זענט איהר, אידען, — אידען און ניט קײן ענגלענדער; אידען און ניט קײן דײַטשען; אידען און ניט קײן פֿראַנצױזען. און דעריבער, קאָנען מיר ניט צולאָזען, אַז דער אידישער גײַסט זאָל װערען דער איבערהאַר אױף דער ענגלישער, דײַטשער אָדער פֿראַנצױזישער קולטור. און איהר דאַרפֿט קײן פֿעראיבעל ניט האָבען, װאָס מיר פּראָטעסטירען, װען מיר זעהען װאָס פֿאַר אַ געװאַלטיגע ראָלע די אידען האָבען גענומען שפּילען אין דער פּאָליטישער פֿיהרונג פֿון אונזערע לענדער, אין דער פּרעסע, אין דעם טהעאַטער, אין דער װיסענשאַפֿט“.

עס איז ניט דאָ דער אָרט, פֿאַנאַנדערצוקלױבען זיך, אױף װיפֿיעל די אַרגומענטאַציע פֿון דעם אַ־סעמיטיזם שטימט צונױף מיט דעם אמת. איצטער איז פֿאַר אונז װיכטיג אַרױס צו ברענגען נאָר צװײ זאַכען:

ערשטענס, אַז די רעזולטאַטען פֿון דעם נײַען אַ־סעמיטיזם זענען ניט אַ סך דערפֿרעהענדער פֿאַר אונז, אײדער די רעזולטאַטען פֿון דעם פּשוט'ען, „געמײנעם“ אַנטי־סעמיטיזם, און צװײטענס, אַז דער נײַער צואואַקס פֿון אַנטי־סעמיטישער ענערגיע אין דער לעצטער צײַט איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פֿון דער אידישער אַסימילאַציע.

געװיס, דער אַ־סעמיט װעט קײן מאָל, — לכל הפחות, עפֿענטליך, — ניט געבען זײַן האַנד די רײן־בלוטיגע אַנטי־סעמיטען. ער װעט אפשר נאָך אַלײן אַרױסטרעטען מיט אַ האַרבען פּראָטעסט

אַנטגעגען די פּיהרער׳ס אין מאַכער׳ס פון אַ בלוט-בלבול. ער וועט אפשר ניט צולאָזען, מען זאָל שמעלער מאַכען די בירגערליכע רעכט פון די אידישע אײַנוואוינער און פערצאַמען אויף׳ן געזעצליכען וועג די אָרטער יענע פּראָפעסיע פאַר אידען. אָבער ער וועט געבען, ווי פּראָפ. זאָמבאַרט, אַן אײַדעלע אָנצוהערעניש די אידען, אַז זיי זאָלען זיך אַליין גיכער רוקען, וואוהין מען דאַרף ניט. און אין נאָך אַ גרעסערער מאָס וועט ער מסכים זיין צו אַ שטילען, אײַדעלען, געזעלשאַפטליכען באָיקאָט אַנטגעגען די אידען, אויף אַלע פעלדער פון דעם פּאָליטישען, געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען. אין דער דאָזיגער באָיקאָט אָרגאַניזירט זיך שטיל אין פיין, אויף אַן אײַדעלען שטייגער אומעטום אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט: אין פראַנקרייך אַזוי גוט ווי אין דייטשלאַנד און האָלאַנד; אין ענגלאַנד אַזוי גוט, ווי אין אַמעריקע.

אמת, דורך דעם שטילען באָיקאָט האָבען דערווײַלע די אַ-סעמיטען זעהר ווייניג אויפגעטהאָן פאַר זייער זאַך. זיי האָבען אפשר אַ ביסעל שווערער געמאַכט דעם אידען דורכצושפּאַרען זיך מיט די אײַלענבויגענס צו דעם בעזעצטען טיש. אָבער פון די אַלטע פּלעצער, פון די שוין אײַנגענומענע פּאָזיציעס האָבען זיי דעם אידען ניט אַרויסגעשטופּט.

עס דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אײניגע אַ-סעמיטען, אײַדעלע, געבילדעטע, אָבער מיט אַ ביסעל אַ לעבעדיגערען טעמפּעראַמענט, פערליערען סוף-כל-סוף די געדולד. זייער גאַנצע אײַדעלקייט און געבילדעטקייט פערפליעהט פּלוצים ווי רויך און זיי הויבען זיך אָן צו זידלען ווי רוסישע שכורים. אַזאַ מין פּאַסאַזש האָט זיך ניט לאַנג פאַר אונזערע אויגען געטראָפען מיט די געבילדעטע ראַדיקאַלע פּוילען, ניעמאָיעווסקי און סווענטאָכאָווסקי; זייער אַ-סעמיטישע ראָליע האָבען זיי ניט געקאָנט אויסהאַלטען ביז׳ן סוף. אויף אַ שטילען, געזעלשאַפטליכען באָיקאָט, ווי דאָס האָבען אַזוי גלענצענד דורכגעפיהרט זייערע ברידער אין פּרייסיש-פּוילען, ווי דאָס הויבען אָן דורכצופיהרען זייערע ברידער אין גאַליציען, האָבען ביי זיי, משמעות, כוחות אויסגעפעהלט, — און דער שטילער באָיקאָט איז אַריבער אין אַ ליאַרעמדיגען, און דער פּוילישער אַ-סעמיטיזם האָט געמוזט אַנטפּלעקען זיין אמת׳ן אַנטי-סעמיטישען פּרצוף.

און — ווער ווייס? אפשר וועט דעם אײַדעלען אַ-סעמיטיזם אויך אין די געבילדעטסטע לענדער דערעסען לסוף דער אײַדעלער מוסר,

וואָס ער הערט ניט אויף צו זאָגן דער געבילדעטער אידישער געזעלשאַפֿט און וועט פֿון דעם שטילן פּאַסיווען בּאָיקאָט אַריבער צו דעם ליאַרעמדיגען, טהעטיגען, בעת איהם וועט קלאָר ווערן, אַז אויף אַן אַנדער אופֿן קאָן מען ניט פֿאַרטיג ווערן מיט די אידען אין דער ליטעראַטור, דער קונסט, דעם טהעאַטער און די אַלע אַנדערע ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. על כל פנים, איין זאַך איז קלאָר: אין דער אַלטער צייט איז נאָר דער הענדלער־שטאַנד און די גלחים־וועלט געווען אָנגעזאַפּט מיט שנאה צו אונז. די געבילדעטע און ליבעראַלע מענשען זענען גראָד געווען אונזערע העלפֿער און בעשיצער. איצטער האָט זיך דאָס בילד שטאַרק פֿערענדערט: צו דעם שאַרפֿער געוואָרענעם אַנטיסעמיטיזם פֿון דער אַלטער וועלט איז צוגעקומען אַ נייעס, — דער אידען־האַס און דער אַ־סעמיטיזם פֿון די געבילדעטע און ליבעראַלע, טיילווייז אויך פֿון די ראַדיקאַלען און די סאָציאַליסטען.

און אויך דאָס איז קלאָר: דער אַ־סעמיטישער און אַנטי־סעמיטישער קאַמף פֿון דער ניט־אידישער אינטעליגענץ אַנטגעגען דער אידישער אינטעליגענץ פֿון די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס האָט ניט געקאָנט געבוירען ווערן איידער דער אַסימילאַציאָנס־פּראָצעס האָט זיך אַריין געריסען אין אונזער לעבען און האָט געמוזט אַרויסוואַקסען נאָר אַ דאַנק דעם דאָזיגען פּראָצעס.

כל זמן דאָס אידישע פֿאָלק האָט געלעבט זיין אייגענעם קולטורעלען לעבען, האָבען זיינע קינדער ניט געקאָנט קאָנקורירען אין דער פֿרעמד און דעריבער האָבען גראָד די געבילדעטע קלאַסען, די פֿערטרעטער פֿון די אַזוי אָנגערופֿענע „ליבעראַלע" פּראָפֿעסיעס געקאָנט זיין ליבעראַל צו אונז און פֿערטיידיגען אונז פֿון די בייזע אָנפֿאַלען פֿון דעם אַנטיסעמיטישען המון און פֿון די רעאַקציאָנערע עלעמענטען. איצטער אָבער האָט אויך דאָס רוב פֿון די געבילדעטע גענומען שפּירען אויף דער אייגענער הויט די מאַכט פֿון דער אידישער קאָנקורענץ און אונטער דער השפּעה פֿון דעם האַרטען עקאָנאָמישען קאַמף איז זיי פּלוצלונג קלאָר געוואָרען דער געדאַנק, אַז די קולטור־גיטער, וואָס ווערען בעשאַפֿען פֿון דער אידישער אינטעליגענץ פֿאַר זייער פֿאָלק, טראָגען אויף זיך אַ צו קלאָרען שטעמפּעל פֿון דעם אידישען דזשעני און אַז, בעת זיי קעמפֿען אַנטגעגען דער „אידישער איבערמאַכט" אין דעם גייסטיגען לעבען, פֿערטיידיגען זיי ניט נאָר זייער אייגענע פּערזענליכע עקאָנאָמישע

אינטערעסען, נאָר אויך די גאַנצקייט פֿון זייער פֿאָלקס גייסט די ריינקייט פֿון זייער פֿאָלקס שאַפֿען.

עס איז אַ קנאַפּע טרייסט, וואָס דער געבילדעטער אַ-סעמיטיזם איז אַ סך איידעלער און ציוויליזירטער אין די פֿאָרמען פֿון זיין אַרויסטרעטען אַנטקעגען אונז, איידער די אַלטע רשעות. וואָלט ער געקומען אַנשטאָט דעם פֿריהערדיגען אידען-האַס, וואָלטען יעמאָלט אונזערע אַסימילאַטאָרען אדרבה געקאָנט מיט די פֿינגער טייטען אויף די מאַכט פֿון דעם פּראָגרעס און מיט פֿריידיגער התפעלות אַרויסשרייען: „זעהט, דער אַנטי-סעמיטיזם האָט שוין פֿערלאָרען זיין ווילדען כאַראַקטער, זיינע פֿאַרבען זיינען אַבגעבלאַסט, דער גיפֿט איז וואַסעריג געוואָרען. באַלד—באַלד און ער וועט אין גאַנצען פֿערשווינדען". אמת, צו פֿריידיגער התפעלות וואָלטער זיי אויך יעמאָלט קיין רעכט ניט געהאַט, ווייל די נייע אַנטי-פּאַטיע צו אידען האָט זיך בעוויזען אין אַזוינע קרייזען, וואָס זענען אין די פֿליטער-וואָכען פֿון דעם ליבעראַליזם געוועזען אין גאַנצען פֿריי פֿון אַ וועלכער עס איז שנאה צו אונז. און די גאַנצע שמחה, — אויב זי וואָלט געקאָנט האָבען אַ בּרעקעל רעכט אויף עקסיסטענץ מוז אין גאַנצען פֿערוואַנדעלט ווערן אין טרויער, ווען מען דערמאָהנט זיך, אַז דער אַ-סעמיטיזם איז געקומען ניט אַנשטאָט דעם אַנטי-סעמיטיזם, נאָר ווי אַ נייער צוגאָב צו איהם, — אַ צוגאָב, וואָס שוואַכט בשום אופן ניט אָב זיין מאַכט, נאָר אדרבה פֿערשטאַרקט זי צו אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דער אויטאָריטעט פֿון די געבילדעטע קלאַסען, וואָס גיבען אין לעצטער ליניע אַרויס אַ הסכמה אויף זיין פּראַקטישען פּראָגראַם, ווייל דער אַ-סעמיטיזם שיידט זיך אָב פֿון דעם המון-אַנטיסעמיטיזם נאָר אין דער „דזענטלמענישקייט" פֿון דעם וועג, ניט אין דעם ענד-ציעל, וואָס איז ביי ביידע ריכטונגען דערזעלביגער: „דער איד זאָל זיך געהן געזונטערהייט פֿון וואַנען ער איז געקומען"...

און ווי געזאָגט: איבערנעהמען די אחריות, אַז דער אַ-סעמיטיזם וועט אייביג בלייבען אין די גרעניצען פֿון איידעלקייט און פֿיינע מאַניערען קאָן אויך קיינער ניט. און דעריבער קאָנען מיר איהם בשום אופן ניט בעטראַכטען ווי אַ שמירה אַנטקעגען דעם אַנטי-סעמיטישען באַציל. פּונקט פֿערקעהרט! דער אַ-סעמיטיזם איז אַ פּלאַנץ-ערד אויף וועלכען יענער פֿיבער-באַציל קאָן זיך שנעל פֿאַנאַנדערפֿרוכפּערן נאָר אומגעריכטערהייד, עיין פּוילען!

אויף אַזאַ'ן אופֿן קאָן נאָר אַ בלינדער ניט איינזעהען, אַז די אַסימילאַציע האָט דעם אַנטי-סעמיטיזם ניט נאָר ניט אָבגעשוואַכט, נאָר אדרבה, אין אַ געפֿערליך גרויסען מאָס פֿערשטאַרקט.

וואו איז דאָ געלעגען דער פֿעהלער פֿון דעם אַסימילאַציאָנס-אידעאַל?

זיין גרויסער טעות איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט קיין בריקעל אַהנונג ניט געהאַט פֿון יענע געזעצען, וועלכע הערשען אין אַ צווישען-פֿעלקערליכען לעבען. אויפֿגעוואַקסען אויף דעם קאָסמאָפּאָליטישען געדאַנק, אַז אַלע פֿעלקער וועלען זיך ווען עס איז צונויפֿגיעסען אין איין-איינציגער, דורכאויס גלייכער מענשהייט און אַז אין יענער צייט וועט קיינער ניט שפּירען דעם אונטערשייד פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, וויל פֿון אַלע אַזעלכע אונטערשיידען וועט קיין זכר ניט בלייבען, — אַ געדאַנק, וואָס איז, אגב, דורך-און-דורך פֿאַלש, — האָט זיך דעם אַסימילאַטאָר געדוכט, אַז שוין איצטער איז אַריין געטרעטען אין לעבען זיין גילדערנע משיח-צייט. אָבער עס איז נאָך אַ גרויסע שאלה, צי וועט ווען עס איז קאָנען מקוים ווערן דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאַל.

עס זענען דאָ אַ סך טעמים, וואָס מאַכען אונז גלויבען, אַז אַזאַ „אידעאַלער" צושטאַנד, ווען אַלע פֿעלקער וועלען פֿערליערען זייער נאַציאָנאַלע אָריגינאַליטעט און אויסגעמישט ווערען אין איין צימעס-טאָפּ, וואָלט גאָר ניט געווען קיין איבעריג גרויסער גליק פֿאַר דער מענשהייט. און עס זענען דאָ נאָך מעהר טעמים, וואָס צווינגען אונז אָנצונעהמען, אַז מיט דער ענטוויקלונג פֿון דער דעמאָקראַטישער פֿרייהייט אין דעם לעבען פֿון די פֿעלקער און מיט דער דורכפֿיהרונג פֿון סאָציאַלער גערעכטיגקייט אין דעם לעבען פֿון דער מענשהייט אַזוי, אַז קיין איין איינציגער טייל איהרער וועט ניט האָבען קיין איין בריקעל איבערוואָג איבער אַן אַנדער טייל, וועט גאָר קיין פֿאָלק ניט קאָנען אַרויף געהן אויפֿ'ן זין אַרויסצושפּרינגען פֿון דער אייגענער נאַציאָנאַלער הויט און אַריין צו שפּרינגען אין אַ פֿרעמדער הויט. יעדעם פֿאָלק וועט זיך קאָנען פֿיהלען גוט און פֿריי אין זיין אייגענער נאַציאָנאַלער אַטמאָספֿערע און ממילא וועט יעדעם פֿאָלק קאָנען וואַקסען, ווי אַ בוים אין דער הויך, קיינעם ניט שטערענד אין דער ענטוויקלונג און פֿון קיינעם ניט געשטערט. אויף אַזאַ'ן אופֿן וועט די פֿערוואַנדלונג פֿון די פֿעלקער אין אַ מחנה יונים, וואָס האָבען אַלע איין פּנים, ווערען אַ קולטורעלע אונמעגליכקייט און וואָס ווייטער די פֿעלקער וועלען פּראָגרעסירען אין זייערע

קולטורען, אַלץ ווייטער וועט די מענשהייט ווערן פון דעם קאָסמאָ־פּאָליטישען ענד־ציעל.

אָבער בנוגע דער אידישער פראַגע און דעם אַנטיסעמיטיזם דאַרף מען גאָר ניט בליקען אַזוי ווייט אין דער צוקונפט אַריין. און וואָס די צוקונפט פון די פעלקער זאָל ניט בעשטעהן, איין זאַך איז זיכער, אַז ביז עס וועט קומען די נחמה, קאָן אַרויס די נשמה. דערווייַלע איז די מענשהייט גאַנץ געווים צושפּאַלטען אין איינצעלנע פעלקער, וואָס מוזען, ווען זיי שטויסען זיך צונויף אויף איין ענגען פּלאַץ, פיהרען אַ ביטערען קאַמף פאַר דאָס ביסעלע ליפּט און זונען־שיין, וואָס מען קאָן נאָך האָבען אין דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. און ווי אַלע מאָל אין דעם האַרטען עקאָנאָמישען קאַמף איז „כל דאלים גבר״, — ווער עס איז שטאַר־קער, יענער איז דער מנוחס, און ווי אַלע מאָל און אומעטום אין אַזעלכע פעלען מוז די מאַיאָריטעט סוף־כל־סוף גובר זיין די מי־נאָריטעט, און כל זמן זי איז ניט מנצח דעם מעוט, מוז זי פיהרען אַנטגעגען איהם אַ קאַמף אין פערביטערן איהם די יאָהרען.

אַזוי לאַנג ווי די אידישע מינאָריטעט האָט געפיהרט איהר עקאָנאָמישען קאָנקורענץ־קאַמף נאָר אויף דעם פעלד פון האַנדעל און מלאכות האָט זי געהאַט אַנטגעגען זיך נאָר דעם אַלטען סוחריש־קליין־בירגערליכען אַנטי־סעמיטיזם, וואָס האָט מיט בלוטיגע אותיות פערשריבען אויף אונזער רוקען די געשיכטע פון אונזערע רדיפות אין דעם מיטעל־אַלטער און די נייערע צייטען. דער פאַר זענען די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס געוועזען מעהר אָדער ווייניגער פריי פון נאַציאָנאַלען האַס צו אונז, ווייל מיר אַליין האָבען זיך ניט געשטופּט אַהין, ווייל מיר האָבען קיין ברעקעל מגע ומשא ניט געוואָלט האָבען מיט זייער קולטור.

די אַסימילאַציע האָט דאָ אין גאַנצען איבערגעביטען די לאַגע. אַ דאַנק איהר, האָבען מיר זיך געקאָנט אַריין רייסען אין אַלע פּאָזיציעס, וואָס דער געבילדעטער איראָפּעער האָט אויפגעבויט, — אַריין רייסען זיך מיט יענעם אומפעט אין ליאַרעם, וואָס איז שוין די טבע פון אונזער אידישער ענערגיע, — אַריין רייסען זיך אין פערנעהמען אַלע בעסטע ערטער און אַרויס־שטופּען דעם שוואַכערען און נאָך פערשרייען זיינע טענות מיט דעם גרויסען שקר, אַז מיר זענען גאָר קיין אידען ניט, אַז מיר זענען אַקוראַט אַזעלכע גוטע פראַנצויזען, רוסען, דייטשען, ווי ער אַליין.

איך וויל, איהר זאָלט זיך אַ ביסעלע אָבשטעלען אויף דעם פּונקט. די אידישע אינטעליגענץ וואָלט געקאָנט אַרוים מיט דער אָפּענער פֿאָדערונג, מען זאָל „מאַכען אַ וואַרע" פֿאַר איהר און אָבּרוימען אַ פּלאַץ צוליעב איהר פּשוט מחמת דעם טעם, וואָס מיר אַלע זענען מענשען, וואָס עס איז ניטאָ, לחלוטין ניטאָ קיין נפקא מיניה צווישען איד און פֿראַנצויז און וויַיל יעדער מענש האָט אומעטום אַ רעכט צו נעהמען פֿון דעם לעבען דאָס וואָס ער קאָן, אַלץ איינס וואו ער וואוינט: אין פּאַריז אָדער האָצעפּלאָץ. שטילערהייד, ביַי זיך אין האַרצען האָט די אידישע אינטעליגענץ טאַקי געגלויבט אין דער דאָזיגער אַבסטראַקט־מענשליכער, קאָסמאָפּאָליטישער פֿאָדערונג. אָבער זי האָט צו גוט געפֿיהלט, אַז מיט זינגען שירה לכבוד דעם סתם־מענשען און זיינע רעכט אויף דער וועלט ווערט מען נישט אַ סך אויספֿיהרען ביַי אַ פֿאָלק, וואָס האָט נאָך ניט פֿערלאָרען און האָט ניט געקאָנט פֿערליערען דעם נאַטירליכען נאַציאָנאַלען עגאָאיזם און וואָס האָט אויף די אַלע קאָסמאָפּאָליטישע שעהנע פֿראַזען געמוזט ענטפֿערן מיט ברייטקייט און העזה: „יע; „מענש!" אָבער — קודם איך, דער פֿראַנצויז און ערשט דערנאָך דו, דער ניט־פֿראַנצויז און — וואַרט, זיי מוחל, אויף דעם „דערנאָך"!

דעריבער האָט די אידישע אינטעליגענץ אַזוי גיך פֿערביטען די קאָסמאָפּאָליטישע אידעאַלען אויף די אַסימילאַטאָרישע, ד. ה. אויף **פֿרעמד־נאַציאָנאַלע**, זי האָט זיך געפֿלייסט אין דער אַסימילאַציע נאָך איבער־צו־פֿראַנצויזען דעם פֿראַנצויז און איז אַריין געפֿאַלען אויך מיט איהר שטים אין דעם אַלגעמיינעם כאָר:

„געוואַלד! קודם — מיר, די פֿראַנצויזען! און פֿון די פֿראַנצויזען קודם יענע, וואָס קאָנען גלענצען מיט זייערע פֿראַנצויזישע מעלות און — — — אָט האָט איהר אונז אויבען־אָן!"

אָט דער אונווערדיגסטער **שקר**, וואָס איז אַזוי בולט אַרויסגעטרעטען אין דעם דרייפֿוס־פּראָצעס, וואו אַ איד האָט זיך אַליין אין די גאַנצע וועלט געוואָלט איינשמועסען, אַז ער איז ניט קיין איד, נאָר אַ פֿראַנצויז, — אָט דער דרייפֿוס־שקר, וואָס שטעקט אין יעדער אַסימילאַציע, איז געוועזען די אמת'ע אורזאַך פֿון דעם דרייפֿוס־פּראָצעס, וואָס איז אַ סימבאָל פֿאַר אַלע יענע ביטערע גיפֿטיגע פּירות, וואָס מוזען אַרויסוואַקסען פֿון דעם אַסימילאַטאָרישען געוועקס.

לאָמיר זיך ניט לאָזען אָפּנאַרען מיט דעם, וואָס אין דעם דרייפוס-פּראָצעס, ווי אין דעם ביילים-פּראָצעס, איז כמעט די גאַנצע געבילדעטע געזעלשאַפט געשטאַנען אויף אונזער זייט און וואָס איןביידע פּראָצעסען איז דער טריאומף סוף-כל-סוף געווען אויף אונזער זייט.

ערשטענס ווערט דאָ אונזער שמחה אין ביידע פּרטים אָפּגעשוואַכט מיט דעם ווערטעלע „כמעט“: כמעט די גאַנצע געבילדעטע געזעלשאַפט, אַ חוץ די ראָשפּאָרס, די פראַנסואַ-קאָפּפּעס, סיקאָרסקיס. עס ווערט דאָך גענוג טרויעריג, ווען מען גיט אַ טראַכט, ווי שטאַרק דער אַנטיסעמיטיזם איז איינגעוואָרצעלט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, אַז אַפילו אמת געבילדעטע, געלערנטע און אויך ראַדיקאַל דענקענדע מענשען (ראָשפּאָר!) קאָנען ווערן אַ קרבן פון אַ בלינדען האַס צו אונז, וואָס מאַכט זיי גלויבען וועגען אונז די אונגלויבליכסטע פערברעכענס. זיי זענען לפי ערך ניט פיעל, די דאָזיגע געבילדעטע עהרליכע אַנטי-סעמיטישע פאַנאַטיקער, ביי וועמען די רשעות האָט אויפגעפרעסען דעם לעצטען בראָק קלאָרען שכל. אָבער ווי ווייניג זיי זאָלען ניט זיין, ווייזען זיי אָן, ביז צו אַ וועלכער מדרגה עס קאָן אָנוואַקסען דער פּראָטעסט אַנטגעגען אונז ביי אַ טייל פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט אין דעם סוף נייענצעהנטען און אָנהויב צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

און אויך דער טריאומף, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף אונזער חלק אין די צוויי וועלט-בעריהמטע יודאָ-פאָבישע פּראָצעסען, איז געווען לײַדער כמעט אַ טריאומף. דאָס געבילדעטסטע פראַנקרייך האָט אַקוראַט אַזוי ווייניג געהאַט דעם מוטה אָפיציעל צו דערקלערען אונשולדיג דעם אונשולדיגען אידען, ווי ווייניג דאָס ווילדע רוסלאַנד האָט געהאַט דעם חשק אַראָפּצושווענקען יעדען שפּרענקעלע חשד אין עלילת-דם פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

והשנית, ווערט אונזער פרייד, וואָס די גאַנצע געבילדעטע געזעלשאַפט שטעלט זיך פאַר אונז איין, אין גאַנצען פערטונקעלט, ווען מיר דערמאַהנען זיך, אַז די געבילדעטע געזעלשאַפט ווערט אויפגערודערט נאָר יעמאָלט, ווען עס ווערן אָנגעגריפען בנוגע צו אונז די עלעמענטאַרסטע יסודות פון דעם עפענטליכען דין ומשפּט, ווען די בעשולדיגונגען אַנטקעגען אונז שטייגען אַריבער די לעצטע מאָסען פון אומגלויבליכקייט און אכזריות און ווען די אָנגרייפער געהערען צו דער רעאַקציאָנערער מאַכט, מיט וועלכער די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע געזעלשאַפט האַלט אין גוטען מוט פאַר אַ מצוה

אָבצורעכענען זיך אין דער עפֿענטליכקייט. די טויזענטער קליינע נגישות, וואָס ווערען, אין די גרעניצען פֿון דעם הערשענדען געזעץ, בעגאַנגען אַנטקעגען אונז אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען, אַפּילו פֿון דער געבילדעטסטער געזעלשאַפֿט, רודערן ניט אויף קיינעם'ס בעליידיגטען יושר, זיי ווערען אויפֿגענומען ווי די נאַטירליכסטע ערשיינונגען פֿון דעם עקאָנאָמישען קאָנקורענץ־קאַמף, און ניט איין טויט, — וואָס זאָג איך „אַ טויט"... ניט איין שאָק געבילדעטע ליבעראַלען רייבט זיך שטילערהייד די הענד, ווען אַ אידישער גדול ווערט ערגעץ־וואו אַראָבגעשליידערט פֿון אַ פּיעדעסטאַל אָדער ניט צוגעלאָזען צו אַ פּיעדעסטאַל, וועלכען ער האָט פֿערדיענט, און קריצט עפֿענטליך מיט די ציין, ווען עס גיט זיך איין אַ אידישען גדול דורכצושטופּען זיך דורך דער מחנה פֿיינדליכע קאָנקורענטען צו אַ שטיקעל בכבוד'ען פּלאַץ. און וואָס מעהר אידען עס שטופּען זיך, — אַ דאַנק דער אַסימילאַציע, — דורך יענער מחנה, אַלץ מעהר רייבונגען מוזען פֿאָרקומען צווישען דער אידישער מינאָריטעט און דער ניט־אידישער מאַיאָריטעט, אַלץ מעהר פֿונקען פֿון אַנטי־סעמיטיזם אָדער אַ־סעמיטיזם מוזען אָנגעזאַמעלט ווערן אין דער ניט־אידישער געזעלשאַפֿט, וואָס וואַרטען נאָר אויף אַ גינסטיגער געלעגענהייט כדי אַרויסצורייסען זיך אין אַ העלישען אַנטי־סעמיטישען פֿלאַם. און עס איז פּסיכאָלאָגיש גאַנץ פֿערשטענדליך, ווען די רציחה צו אונז שטייגט אין דעם זעלביגען גראַד, אין וועלכען עס שטייגט דער שקר, וואָס העלפֿט דעם אַסימילאַטאָר צום זיעג, דער שקר, מיט וועלכען ער וויל איינשמועסען די גאַנצע וועלט, אַז ער איז גאָר ניט קיין איד, נאָר אַ פֿראַנצויז, אַ רוס, אַ פּויל.

אין דעריגען איז געלעגען דער הויפּט־טעות פֿון דעם אַסימילאַציאָנס־אידעאַל: ער האָט פֿערגעסען, אַז די איצטיגע מענשהייט איז איינגעטיילט אין פֿעלקער; אַז עס איז ניטאָ קיין מענשהייט, וואָס זאָל ליגען ערגעץ־וואו דרויסען פֿון זיי; אַז וויבאַלד איך שפּרינג אַרויס פֿון מיין אייגענער נאַציאָנאַלער הויט, מוז איך אַריין שפּרינגען אין אַ נאַציאָנאַלער הויט פֿון אַן אַנדער פֿאָלק און אַז יענעם'ס הויט קאָן ווערען צו ענג פֿאַר אונז ביידען און אַז ער געהט דעריבער פֿון הויט אַרויס...

דער גלענצענדער צוזאָג פֿון דעם אַסימילאַציאָנס־אידעאַל אָבצושאַפֿען דעם אַנטי־סעמיטיזם, האָט דעריבער געמוזט באַנקראָטירען. מיט יעדען טאָג פֿון דעם פֿערשאַרפֿטען גלות־חושך צאָהלען

מיר איצטער פֿאַר זיינע חובות און מיט יעדען טאָג פֿון אונזער הושך׳ען גלות־לעבען קריכען מיר אריין אין אַלץ ווייטערע שולדען, ווייל די אַסימילאַציע האַלט דערווײַלע נאָך אין וואַקסען און אָבשטעלען זי אין גאַנצען איז אַ זאַך, וואָס איז אפשר לחלוטין אין גלות אוממעגליך.

ניט פֿיעל גליקליכער איז די אַסימילאַציע געווען מיט איהרע אַנדערע צוויי צוזאָגען: אויפֿהויבען דעם קולטור־מעמד פֿון די אידישע מאַסען און אויסגלייכען די מענשליכע געשטאַלט פֿון דעם אידען, וואָס איז באמת אין אַ סך פּינקטען פֿערהויקערט געוואָרען „אין דעם קויט און מיסט פֿון לעבען״.

מיר קאָנען זיך דאָ, ליידער, ניט אָבשטעלען באריכות אויף די צוויי זעהר וויכטיגע פּונקטען פֿון אונזער אונוועניגסטער ווידער־געבורט. זיי מוזען ביידע אַרום גערעדט ווערן ברייטליך אין אַ בעזונדער אַרבייט און דערביי מוז מען קלאָר פֿאַנאַנדערקלויבען זיך אין דעם ענין, וואָס אַזוינס מיר האָבען צו פֿערשטעהן אונטער דעם נאָמען „פּראָגרעסיווע קולטור״ און אין וואָס אַזוינס בעשטעהט די פֿערמענשליכונג פֿון דעם מענשען. מיר מוזען זיך דאָ דעריבער בעגנוגענען ניט מעהר ווי מיט אַ פּאָר בעמערקונגען.

ווען איך רעד וועגען אויפֿהויבען די קולטור פֿון די אידישע מאַסען, מיין איך אַוועקשטעלען זיי אויף יענער הויך פֿון מאָדערנער בילדונג און מאָדערנעם מענשליכען פּראָגרעס, וואָס איז איצטער דערגרייכט געוואָרען פֿון דעם פֿרייען פֿאָרשענדען מענשליכען גייסט אויף אַלע פֿעלדער פֿון דעם מענש־ליכען וויסען און שאַפֿען. געוויס איז אין דער איצטיגער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפֿט אין גאַנצען אויסגעשלאָסען, די אַרבייטענדע און פֿערטהאָנענע שיכטען פֿון דעם פֿאָלק זאָלען האָבען צייט און חשק צו קלעטערן צו יענער הויך. עס איז דעריבער אויך פֿאַר מיר, ווי פֿאַר יעדען אינעם, וואָס האָט אַריינגעבליקט אין די געזעצען פֿון דעם איצטיגען לעבען, שוין לאַנג געוואָרען קלאָר, אַז דאָס גרויסע פּראָבלעם פֿון צופֿיהרען די מאַסען צו דער אַלמענשליכער פּראָגרעסיווער קולטור קאָן אין גאַנצען פֿערענטפֿערט ווערן נאָר יעמאָלט, ווען אַנשטאָט דעם קאַפּיטאַליזם וועט אָנהויבען הערשען אין דעם לעבען דער סאָציאַליזם.

אָבער שוין איצטער, אין די גרענעצען פֿון דעם קאַפּיטאַליס־טישען סיסטעם, קאָן אין די מאַסען דערוועקט ווערען אַ חשק צו בילדונג און אויפֿקלערונג. אויך זיי קאָנען אויפֿגעוועקט ווערן פֿון

דעם אַפּאַטישען שלאָף און דערנידריגען אַלץ העכערע מדרגות פֿון קולטור און פּראָגרעס, יעדער לויט דער עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער ער געפֿינט זיך און לויט די פֿעהיגקייטען און טאַלאַנטען, מיט וועלכע ער איז פֿון נאַטור אויס געבענשט. און ניט נאָר קאָן אין זיי דערוועקט ווערן דער חשק, ער מוז אין זיי דערוועקט ווערן, ווי נאָר זיי הויבען אָן מיט אָפֿענע אויגען צו בליקען אויף זייער לאַגע און צו קעמפֿען פֿאַר אַ בעסערע צוקונפֿט: די בילדונג איז איינער פֿון די שאַרפֿסטע און זיכערסטע כלי-זין, מיט וועלכע אַ מאָדערן פֿאָלק פֿירט זיין טאָג-טעגליכען קאַמף פֿאַר אַ בעסערן לעבען.

עס קאָן אָבער ביי אַ פֿאָלק ניט געמאָלט זיין קיין קולטורעלע ענטוויקלונג אָהן קולטור-שאַפֿערס און קולטור-טרעגערס. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די השפּעה פֿון דעם פֿאָלק אויף יענע געבענשטע זיהן זיינע, וואָס בעשאַפֿען פֿאַר איהם קולטור אָדער טראָגען זי פֿאַנאַנדער אין די פֿערבאָרגענסטע ווינקעלעך, — אָהן זיי, אָהן די דאָזיגע זיהן רירט זיך די קולטור ניט פֿון אָרט. זיי וואַקסען אויס פֿון פֿאָלק, זאַפּען זיך אָן מיט מאָדערנער בילדונג, מיט די אָדער יענע אַלגעמיין-מענשליכע אָדער ריין נאַציאָנאַלע אידעאַלען און קעהרען זיך אום צום פֿאָלק, לאָזען אין איהם אַריין גאַנצע שטראָמען פֿון נייע בעגריפֿען און אידעען, רודערן אויף זיין קריטישען געדאַנק און לאָזען איהם ניט פֿערגליווערט ווערן אין די פֿאָרמען פֿון דעם אַלטען קולטורעלען לעבען.

איצטער לאָזט מיך אייך פֿרעגען: ווי רעכענט איהר, וואָס מוז זיין דער קולטור-מצב פֿון אַ פֿאָלק, ביי וועמען יעדע קולטור-בעשאַפֿענדע אָדער קולטור-טרעגערישע קראַפֿט, ווערט ווי נאָר זי בעוויזט זיך אין לעבען, אַוועק-געריסען פֿונ'ם פֿאָלק? איך רעכען דער ענטפֿער דאַרף זיין ניט שווער. אַזאַ פֿאָלק קאָן ניט מאַכען קיין איין שריט פֿאָראויס אויף דעם וועג פֿון דעם פּראָגרעס. אַ פֿאָלק מאַרשירט ניט אויף דעם וועג פֿון דעם פּראָגרעס, ווי אַ מחנה סאָלדאַטען. פֿיס און פֿיס אין אַלע אין איין טעמפּאָ. דער ערשטער שריט פֿון אַ פֿאָלק אין דער קולטור בעשטעהט גראָד אין דעם, וואָס ער טרענט אַרויס פֿון זיך די מוטהיגערע, די קלוגערע, די ערשטע אָנהויבער, וואָס ווירקען שוין נאָכדעם אויף די צוריקגעבליבענע. קוים בעשאַפֿט איהר אָבער אַזאַ לאַגע, אַז די מוטהיגערע אָנהויבער מוזען פֿערלאָזען דאָס פֿאָלק און אַוועק אין דער פֿרעמד, אַזוי מוז

די היים בלייבען אָרעם אין שאַפֿענדע אין קולטור־טראָגענדע קרעפֿ־טען און די קולטור זיינע מוז אָנהויבען פֿערגליווערט ווערן.

אַ קולטור אָבער, וואָס גערט ניט פֿאָראויס, קאָן ניט בלייבען שטעהן אויף אַן אָרט: זי גערט צוריק. זי איז ווי אַ שטעהענד וואַסער, וואָס מוז פֿריהער אָדער שפּעטער פֿערזומפּט ווערן און פֿערוואַקסען ווערן מיט ווילדען גראָז.

און אַזאַ לאַגע געפֿינט זיך די קולטור פֿון די אידישע מאַסען, אַ דאַנק דער אַסימילאַציע. בעת די אַסימילאַציע איז נאָך געווען דער איינציגער בעל־הבית אויף די אידעאַלען פֿון דער אינטעליגענץ אין דאָרטען וואו זי פֿיהרט נאָך עד היום איהר איבערהאַרשאַפֿט ביד רמה, איז די קולטור פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַזאַ פֿערוואַקסע־נעם שטעהענדיגען זומף, ווייל ווי נאָר עס פֿלעגט אויפֿגעוועקט ווערן אין פֿאָלק אַ וואַסער עס איז טאַלענט, אַ וואָסער עס איז שאַפֿענדע קראַפֿט, אַזוי פֿלעגט זי מוזען פֿערלאָזען דאָס פֿאָלק און אַריין גיעסען איהר גאַנצע ענערגיע אין דעם קולטור־באַסיין פֿון דער הערשענדער פֿרעמד.

בנוגע צו דעם קולטור־מעמד פֿון דעם פֿאָלק אונטער דער השפּעה פֿון דעם אַסימילאַציאָנס־אידעאַל דאַרף מען פֿאַנאַנדערשיידען צוויי אַרטען פֿון לענדער.

ערשטענס בעגעגענען מיר דאָ אַזוינע מדינות, ווי די מעריב־אייראָפּעאישע, וואו דער אַסימילאַציאָנס־פּראָצעס האָט זיך שוין געענדיגט פֿאַר דער גאַנצער אידישער בעפֿעלקערונג, וואו סיי די געבילדעטע קלאַסען, סיי די פֿאָלקס־מאַסען האָבען אָנגענומען די פֿרעמדע שפּראַך אין די הרויסענדיגע פֿאָרמען פֿון דעם לעבען. דער טיפּ פֿון אַזאַ לאַנד איז האָלאַנד, און דער כאַראַקטער פֿון דער אידישער קולטור איז דאָרטען אַזאַ: די מאַסען פֿון דעם פֿאָלק וואוינען דאָס רוב אין גרעסערע אָדער קלענערע גהעטאָס (אין האָלאַנד וואוינט כמעט דאָס גאַנצע אידישע פֿאָלק אין צוויי גהעטאָס: דעם אַמסטערדאַמער און דעם ראָטערדאַמער). זיי זענען דאָס רוב שטאַרק אידישליך פֿרום, דאָס וואָס מען רופֿט פֿ ל אָ ק ע ן ־ פֿ ר ו ם. דאָס הייסט, פֿון דעם ווירקליכען פֿ ע ר ש ט ע ה ן די אידישע רעליגיע קאָן דאָרטען גאָר קיין רייד ניט זיין. דער אידישער גלויבען איז ביי זיי פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ סכום פֿון מנהגים און דינים, אָפֿט מאָל גאַנץ משונה׳דיגע, ווי צ. ב. די האָלענדישע איינטיילונג פֿון געפֿעס אין מילכיגע, פֿליישיגע, פּאַרעווע און פֿ י ש י ג ע, אָדער די האָלענדישע „מצוה" צו גאָלען די באָרד ערב יום־כפּור וכדומה. פֿון

אַ וועלכען עס איז גייסטיגען לעבען אין די קהילות, לאָז זיין, אפילו אין אַ פרום-רעליגיעזען זין, קאָן מען דאָרטען קיין שפור ניט געפינען. און פון דער אייראָפּעאישער קולטור האָבען זיי אַריבער-גענומען נאָר די גאַנץ אייבערפלעכליכסטע גאַסען-ציוויליזאַציע.

אויך די רבנים אין די כלי-קודש פון יענע לענדער שטעהען אין זייער בילדונג דאָס רוב ניט העכער איידער די מאַסען. מען איז דאָרטען שטאַרק מסופק, צי דער רב נעהמט זיך פאַר זיין משרה אויס דעם אינוועניגסטען גלויבען אין דער איבערגעבענקייט צו זייער יודענטום, ווי דאָס טרעפט נאָך זעהר אָפט ביי די פּאַסטאָרען און גלחים פון די קריסטליכע סעקטען, וואָס געהען דיענען אין זייער אַמט „לשם שמים“. דער אידישער סטודענט בעטראַכט די רבנות ווי אַ פּראָפעסיע, און מען דאַרף שוין זיין אַ גוטער לא-יוצלח אין אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען און ליבעראַלע בעשעפטיגונגען, איינער זאָל אויסקלויבען פאַר זיין פאַך די אידישע טהעאָלאָגיע.

מיט דעם גייסטיגען לעבען און דעם קולטורעלען מעמד פון דער קהילה קאָן אַזאַ „ראַבינער“ זיך ניט אינטערעסירען און אַלץ וואָס ער וואָלט געקאָנט געבען דער קהילה, איז אַ פּאָר פּאַטריאָטישע פראַזען וועגען דער גרויס פון זייער געבענשטען לאַנד און אַ פּאָר זיס-זויערע לויב געזאַנגען אויף דער גרויסער וועלט-מיסיע פון דעם יודענטום, פון וועלכער ניט די קהילה, ניט דער רב הויבען ניט אָן צו פערשטעהן „מאי דקא אכלי רבנן“ און וועלכע, דעם אמת געזאָגט, ליעגט זיי אַלעמען אין דער לינקער וואָנץ (וויל פון פּיאות איז דאָך דאָ אָבגערעדט).

און עס איז דערביי קיין גרויסע נפקא מיניה ניט צווישען דעם אָרטאָדאָקסען יודענטום און דעם רעפאָרמירטען. אין ביידע איז דער לעבעדיגער רעליגיעזער גייסט שוין פון לאַנג אָן פערשוואונדען: דעם רעפאָרמירטען יודענטום האָט מען איהם לכתחילה אַרויסגעטריבען און פון דעם אָרטאָדאָקסען האָט ער זיך ביסלעכווייז אויסגעוועפּט. געבליעבען איז ביידען איז נאָר דער טויטער גוף פון צערעמאָניעס, דינים און אַבערגלויבענס, פון וועלכע עס שלאָגט אויף אַ מייל דער ריח פון צופוילטקייט.

און די אידישע אינטעליגענץ? וואו איז זי? וואו זענען די בעסערע אידישע מוחות, די שאַרפע קריטישע קעפּ, די איידעלע אידישע הערצער, די העלדען פון דער אידישער אומרוה, וואָס ווירקען אומעטום, ווי אַ פערמענט, וואָס קאָנען קיין מאָל ניט פערטראָגען קיין פערגליווערטקייט און פוילקייט?

זיי זענען דאָ, די אידישע שטורעם־גייסטער, אָבער װכט זיי ניט אין דעם גהעטאָ. לויט דער אינוועניגסטער לאָגיק פֿון דער אַסימילאַציע טאָרען זיי זיך דאָרטען ניט געפֿינען, טאָרען זיי דאָרטען ניט לאָזען אַריין שטראַהלען זייער אויפֿרודערנדען גייסט. די טהעאָריע פֿון דער אַסימילאַציע האָט זיי געלערנט, אַז עס איז ניטאָ קיין אידיש פֿאָלק, אַז עס איז נאָר דאָ אַ אידישע אמונה. און װיבאַלד זיי האָבען זיך שוין אינוועניג בעפֿרייט פֿון דעם יודענטום, טאָהר מען גאָר פֿון זיי ניט פֿערלאַנגען, זיי זאָלען זיך נאָך ווייטער אינטערעסירען מיט דער קולטור־מדרגה אין דעם גייסטיגען צושטאַנד פֿון יענע האָלענדער, פֿראַנצויזען, דייטשען אָדער איטאַליענער, וואָס זענען נאָך געבליבען שטעקען אין די הייהלען פֿון דעם אַלטען גלויבען.

זיי, די אידישע טאַלאַנטען און זשעניען, האָבען אַנדערע אויפֿגאַבען פֿאַר זיך, אײדער אַרומפּלאָגען זיך מיט די פּאָר צעהענדליג טויזענט „אידליאַקעס“ פֿון די גהעטאָס. זיי זענען בערופֿען ווייטער אויסצובויען און צו פֿערבעסערן די קולטור פֿון „זייער“ פֿאָלק, ד. ה. פֿון יענעם ניט־אידישען פֿאָלק, צו וועלכען זיי זענען צוגעשטאַנען; זיי האָבען די מיסיע צו לערנען דעם פֿראַנצויז און דעם האָלענדער, ווי אַזוי מען דאַרף זיין אַן עכטער פֿראַנצויז און אַן עכטער האָלענדער. שכר למוד בעקומען זיי געלד און מאַכט און אַ קלינגענדען שם און גאָר ניט זעלטען אויך אויב עס מאַכט זיך גאָר ניט זעלטען אַן אַנטי־סעמיטישען שפּיי אין פּנים אַריין ווי אַ צוגאָב, ווישט מען זיך אָב און מען טרייסט זיך מיט דעם אויסרעד, אַז דאָס האָט ניט דער גוי געשפּיען דעם אידען אין פּנים, נאָר דער רעאַקציאָנער דעם פּראָגרעסיסט און אַז מיט דעם נצחון פֿון דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג וועלען אַלע רעאַקציאָנערע שפּייערס פֿערשווינדען.

בינו לבינו בלייבט די קולטור פֿון די אידישע מאַסען אין דער היים, אַ דאַנק דעם אַנטלויפֿען פֿון דער אידישער אינטעליגענץ, אין דעם צושטאַנד פֿון אַ זומף און אַ דאַנק דעם אַריינדרינגען פֿון דער אידישער אינטעליגענץ אין דעם לאַגער פֿון דער ניט אידישער וועלט, ווי מיר האָבען געזעהען, די שנאה צו אונז פֿאַנאַנדערגעבּרענט אַליץ מעהר און מעהר.

אַ גאַנץ אַנדער פּראָצעס בעמערקט זיך דאָרטען, וואו די אַסימילאַציאָנס־אידעאַלען האָבען נאָך ניט דורכגעדרונגען דאָס גאַנצע לעבען פֿון דעם פֿאָלק, וואו די גרויסע אידישע מאַסען האָבען ווי

אין די סלאַווישע לענדער און אין אַמעריקע נאָך ניט פערלאָרען ניט זייער שפּראַך, ניט זייער אַרט לעבען. דאָרטען ווערט דער זומף=צושטאַנד אַליין מעהר און מעהר פערשוואונדען, און עס הויבען אָן אין דער לעצטער צייט צו שלאָגען לעבעדיגע קולטור=קוואַלען, אַרויסגערופען פון יענער גרויסער קולטורעלער אַרבייט, וואָס די אידישע אינטעליגענץ האָט דורכגעפיהרט אין די לעצטע 25—30 יאָהר. אַ גרויסער טייל פון יענער אַרבייט איז געטהאָן געוואָרען פון דער אידישער נאַציאָנאַל=געזאָנענער אינטעליגענץ וואָס האָט זיך אין יענער צייט גענומען בעווייזען. אָבער פאַר נאָך אַ גרעסערען טייל דאַרפען מיר דאַנקען — — טאַקי די פּראָגרעסיווע אַסימילאַטאָרען גופא. יע, דאָס מוזען מיר מודה זיין פיל אין גאַנץ: אַ גרויסער טייל פון די אַסימילאַטאָרען האָט אויפגעהויבען דעם קולטור=מעמד פון די מאַסען און פונדעסטוועגען איז דאָס ניט קיין בעוויז אַנטגעגען אונזער געדאַנק, אַז די אַסימילאַציע ווירקט שעדליך אויף דעם מעמד פון דער פאָלקס=קולטור, נאָר אדרבה, אַ בעוויז פאַר דער ריכטיגקייט פון אונזערע רעד.

געוויס האָט דער ראַדיקאַלער אַסימילאַטאָר, וואָס האָט אין דער אידישער שפּראַך געפּרעדיגט דעם אידישען פאָלק, אַז עס איז ניטאָ קיין איריש פאָלק און קיין אידישע שפּראַך, אָפּגעריסען אַ סך גייסטיגע קרעפטע פון דעם פאָלק און אַריינגעוואָרפען זיי אין דער פרעמד, וואו זיי האָבען, — מיט לפי ערך ווייניגע אויסגעהמען, — דעם פרעמדען ווייניג גענוצט און אונז געטהאָן אַ סך שאָד. אָבער די פּראָגרעסיווע פּראָפּאַגאַנדאָ גופא האָט, ניט קוקענדיג אויף איהר אַסימילאַטאָרישען אידעאַל, אָנגעהויבען אויפוועקען די האַלב פערשלאָפענע מוחות פון די מאַסען, וואָס האָבען געמוזט בלייבען אין דער היים, פאַנאַנדערבּרענגען אין זיי די תשוקה צו אַ העכערען, פרייערען און שעהנערען קולטורעלען לעבען, וועלכע זיי האָבען אַנדערש ניט געקאָנט בעפרידיגען, סיידען אין אַ אייגענער אידישער פאָרם. עס איז בעשאַפען געוואָרען די אידישע ליטעראַטור, די אידישע זשורנאַליסטיק, דער אידישער טהעאַטער, וואָס ווי שפּעט עס זאָל נאָך עד היום ניט זיין זייער מדרגה, שטעהען זיי שוין טורעם=הויך איבער יענער גייסטיגער אַטמאָספערע, אין וועלכער עס האָבען געלעבט די פאָלקס=מאַסען פון די עלטערע דורות. בעשאַפען האָבען זיי דאָס די אידישע אַסימילאַטאָרען, אָבער ניט אַ דאַנק דער אַסימילאַציע און ניט אַ דאַנק זייערע אַסימילאַציאָנס=אידעאַלען, נאָר דוקא למרות דער אַסימילאַציע און למרות דעם הייליג געהאַלטענעם אידעאַל.

די אידיש־לעבענדע, אידיש־רעדענדע און אידיש שרייבענדע אסימילאַטאָרען האָבען אין דעם פּרט געשפּילט די ראָליע פון יענער קראַפּט, וואָס „תמיד דאָס שלעכטע וויל און תמיד דאָס גוטע שאַפט". מיט דעם שטראָם פון אַלגעמיין־מענשליכער בילדונג און אויפקלערונג, וואָס זיי האָבען אין אַ אידישער פאָרם אַריין געגאָסען אין די מוחות און די הערצער פון דעם פאָלק, האָבען זיי אויפגעוועקט דעם מענשען אין דעם אידען און אין דערזעלביגער צייט דעם אידען אין דעם מענשען. ניט נאָר האָבען זיי ניט דערנעהענטערט די מאַסען צו דער פרעמדער שפּראַך און ממילא צו דעם פרעמדען לעבען, נאָר זיי האָבען בעשאַפען די שטאַרקסטע מחיצה, וואָס בעשטעהט (און זאָל בעשטעהן) צווישען פאָלק און פאָלק: אַן אייגענע (ווען אפילו אָרעמע) קולטור און אַן אייגענער שפּראַך. ניט נאָר האָבען זיי ניט אויסגעבראָכען די אידישע וואָרצלען און אַריבער געפלאַנצט זיי אין אַ פרעמד פעלד, נאָר זיי האָבען אויסגעגראָבען קאַנאַלען, וואָס זאָלען בעוועסערן און שפּייזען דאָס אייגען אידישע פעלד מיט די קולטור־עלעמענטען פון דער פרעמד און דער פּועל־יוצא פון זייער אַרבייט איז געווען אַזאַ, אויף וועלכען זיי האָבען זיך לגמרי ניט גערעכט און פון וועלכען זיי מעגען זיך רייסען די האָר פון קאָפּ פאַר עגמת־נפש: זיי האָבען אַוועקגעלעגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייעם אייגענעם פּראָגרעסיווען לעבען פון דעם אידישען פאָלק אין גלות... אין אַזעלכע לענדער, ווי רוסלאַנד, גאַליציע און רומיניע, וואו נאָר די העכערע, געבילדעטערע קלאַסען האָבען זיך אַסימילירט, וואו די גרויסע מאַסען האָבען נאָך אָבגעהיט זייער שפּראַך און זייער נאַציאָנאַלען לעבען, האָט זיך דער אַסימילאַציאָנס־אידעאַל פערפּלאָנטערט אין אַ ממה נפשך, וואָס מוז אויף אַלע פעלען פיהרען צו זיין באַנקראָט.

ממה נפשך! בענוגענט זיך ניט די „אַסימילאַציע" מיט פּראָפּאַגאַנדאַ און „אפּקורס"'שע רעד, נאָר אַסימילירט בפועל, ד. ה. רייסט אָב דורך איהר אַרבייט גאַנצע שטיקער פון פאָלק און מאַכט זיי, לויט דער שפּראַך אין אַלע פאָרמען פון דעם לעבען, גלייך צו דער אַרומיגער בעפעלקערונג, איז יעמאָלט ציעהט זי אָב פון פאָלק אַלע כוחות, וואָס וואָלטען קאָנען ווירקען אויף איהם, און ער ווערט פערגליווערט אין זיינע אַלטע פאָרמען אונטער דער השפּעה פון זיינע צדיקים, רבנים, בעלי־שמ״ם און אַנדערע אונז גוט בעקאַנטע כלי קודש פון אַמאָל. דאָס פאָלק ווערט יעמאָלט פערזומפּט אין אַן אַלטער רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַלער פאָרם, וועלכע קיין

פּראָגרעסיוו-מענשליכער געדאַנק פֿון דער פֿרעמד קאָן ניט דורכרייסען.

אלא וואָס דען? דער אַסימילאַטאָר האַלט זיך ניט איין. עס ציפּט איהם געהן צום פֿאָלק גופא, פּרעדיגען אין דער שפּראַך פֿון דעם פֿאָלק זיינע אַלגעמיין-מענשליכע אָדער אַסימילאַטאָרישע אידעאַלען. יעמאָלט געווינט ער טאַקי אַ גרויסע השפּעה אויף די מוחות און די הערצער פֿון די פּראָגרעסיווע שיכטען פֿון דעם אידישען פֿאָלק, — דער עיקר, דער אַרבייטערשאַפֿט, — אָבער זיין פּראַקטישע אַרבייט געהט להיפּך צו זיין טהעאָרעטישען אידעאַל. ער פּ ר ע ד י ג ט פֿרעמדע קולטור און פֿרעמדע שפּראַך און ב ו י ט אַן אייגענע קולטור אין אַן אייגענער שפּראַך. און דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס פֿאָלק וואַכט אויף און הויבט אָן לעבען אין אַ פּראָגרעסיווער פֿאָרם, אָבער פֿאָרט אַ נאַציאָנאַל-אידישער.

סוף-כל-סוף מוז דער דאָזיגער א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ע ר ו ו י ד ע ר ש פּ ר ו ך צווישען דעם אַסימילאַציאָנס-אידעאַל און דער ריין נאַציאָנאַלער, ווען אפילו אַנטי-נאַציאָנאַליסטישער פּראַקטיק, ווערען קלאָר אפילו פֿאַר דעם פֿערביסענדסטען אַסימילאַטאָר, און אויב זיינע אויגען זענען נאָך פֿערקלעפּט מיט דעם אַלטען אַסימילאַטאָרישען פּאַפּ, יענעם העלפֿט די בעוואוסטזיניג פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלע פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון דעם בונדיסט, דעם פּועל-ציון, דעם גלות-נאַציאָנאַליסט אויפֿרייסען זיינע אויגען — און די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע באַנקראָטירט אויך אין דער טעאָריע.

אַזוי אָדער אַזוי, — אָבער דער צוזאָג פֿון דער אַסימילאַציע, אַז זי וועט אויפֿהויבען דעם קולטור-מעמד פֿון די מאַסען מוז בלייבען אומדערפֿולט, דער „וועקסעל“, וואָס זי האָט אין דעם פּרט אַרויסגעגעבען, מוז ווערען „פּראָטעסטירט“. טריאומפֿירט די אַסימילאַציע אין דער ווירקליכקייט, יעמאָלט שטאַרבט אָב דאָס קולטורעלע לעבען פֿון די אידישע מאַסען, נעהמט זי זיך אָבער באמת פֿאַר הויבען דעם קולטור-צושטאַנד פֿון דעם פֿאָלק, יעמאָלט קאָן זי ניט פֿערטרייבען די גייסטער, וועלכע זי מוז אַרויסרופֿען, די וועט אַליין איינגעשלונגען פֿון דער געבוירענער קולטור, עס געהט איהר אַרויס איהר כשר'ע נשמה און זי ווערט מגולגל אין אַ פּראָגרעסיווען נאַציאָנאַליזם.

דער לעצטער פֿאַל איז געוויס דער פֿרעהליכסטער רעזולטאַט פֿון דער אַסימילאַציעס באַנקראָט. דערפֿאַר איז אין דעם דריטען צוזאָג איהרען, אין דעם פּרט פֿון אויסלייטערן די אידישע נשמה,

ד״ר. ח. זשיטלאָווסקי.

וואָס איז אַזוי פֿערשטויבט געוואָרען אין דעם חושכ׳דיגען גלות־לעבען, — דער רעזולטאַט פֿון איהר באַנקראָט שוין גאָר ניט קיין געהויבענער און ניט קיין פֿרעהליכער.

מיר רעדען דאָ אָן אַן איטערנדע וואונד אין דעם לעבען פֿון דעם אידישען פֿאָלק, מיר האָבען דאָ אין זין יענעם מהות מענש, וואָס די פֿאַקטישע אַסימילאַציע אָדער דאָס שטרעבען צו איהר האָט בעשאַפֿען.

געוויס מוזען מיר קודם כל אָפֿען מודה זיין, אַז איינצעלנע אַסימילירטע אידען האָבען בעוויזען פֿאַר דער וועלט מוסטערן פֿון מענשען, פֿאַר וועלכע עס ווילט זיך בויגען די קניע. איך מיין דאָ, דער עיקר, יענע אמת׳ע העלדען וועלכע דאָס אידישע פֿאָלק האָט אַרויסגעשטעלט אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף, דער סאָציאַליסטישער טהעאָריע און אין דער בעשאַפֿערישער אַרבייט אויף אַלע פֿעלדער פֿון דער מענשליכער פּראָגרעסיווער קולטור. מיט אַזאַ מהות מענש האָבען מיר זיך ניט וואָס צו שעהמען, אדרבה, עס איז דאָ, באמת, מיט וואָס צו זיין שטאָלץ. איך מוז אויך צוגעבען, אַז די שפּעטערדיגע דורות פֿון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ האָבען אַרויסגעבראַכט ניט ווייניג גאַנץ נאָרמאַלע מענשען, מיט וועלכע מיר האָבען פֿון דעם פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט אַ רעכט דורכאויס צופֿרידען צו זיין.

אָבער לאָמיר זיך ניט לאָזען פֿערבלענדען די אויגען מיט יענע איינצעל־פֿעלען. קוקט זיך בעסער צו צו די גרויסע מחנות פֿון יענע קריעכער און זיך־דורכשטופּערס, וואָס פֿילען אָן די לעהר־אַנשטאַלטען, די פּרעסע, דאָס טהעאַטער און דאָס פֿרעמדע געזעלשאַפֿטליכע לעבען; צו יענע זיך אַסימילירענדע אָדער זיך נאָר וואָס אַסימילירטע, פֿאַר וועמען די פֿרעמדע קולטור איז ניט אַ פֿעלד פֿאַר אידעלע טהעטיגקייט צוליעב דער מענשליכער ענטוויקלונג, נאָר אַ קאַמף־פּלאַץ פֿאַר אַן עגאָאיסטישער קאַריערע, אַ גרייער־פֿעלד נאָך געלד, מאַכט, אַ קלינגענדען נאָמען, אַ בכבוד׳ען אָרט צווישען די רייכע, זאַטע, מעכטיגע פֿון דעם פֿרעמדען פֿאָלק. וואו אין דער גאַנצער וועלט ווערט איהר געפֿינען נאָך מעהר „הינטישע פֿעלי״, אידער גראָד ביי דער חברה סטודענטען, אַדוואָקאַטען, דאָקטוירים, ליטעראַטען, קינסטלער און רייכע „נעגאָציאַנטען״, וועלכע די אַסימילאַציע זיצט אויס אַ דור נאָך אַ דור! ווי דאָס שטופּט זיך מיט די עלענבויגענס! ווי דאָס טרעט אומברחמנות׳דיג דעם שוואַכערען! ווי דאָס קריעכט דעם אַנדערן

אין די גזרות אריין! ווי דאס בעט זיך און חנפה'ט זיך און קויפט זיך אונטער ביי דעם שטארקערען! ווי דאס לעקט די הענד און ווידעלט מיט'ן עק, א סך ערגער, אידער דער היינע'שער „הונט מיט היינטישע געדאנקען!"

דארף איך אייך דערמאהנען די שמד-מגפה, וואס האט ניט לאנג אזוי העפטיג געשטיפט אין רוסלאנד, די מגפה, פון וועלכער מען איז נאך עד-היום ניט פטור-געווארען?

איך האב ניט איין מאל ארויסגעזאגט מיין מיינונג און איך מוז אויך דא אפען און קלאהר דערקלעהרען, אז יעדער איינער, וואס זאגט זיך אב על פי ע ה ר ל י כ ע ן איבערצייגונגען ג ל ו י ב ע ן פון דעם יודענטום און נעהמט אן על פי ע ה ר ל י כ ע ן איבערצייגונגען ג ל ו י ב ע ן וועלכע אמונה איהר ווילט, פערליערט קיין בעקעל רעספעקט ניט אין מיינע אויגען און אויב זיינע גיינע געדאנקען לאזען איהם בלייבען טריי צו די נאציאנאלע האפענונגען פון דעם אידישען פאלק און אויב ער דערציעהט זיינע קינדער אין דיזעלבע נאציאנאלע האפענונגען איז ער פאר מיר א טייערער ברודער גלייך מיט אלע אנדערע ברידער מיינע פון מיין פאלק.

אבער וועלכער שוטה וועט זיך לאזען איינשמועסען, אז צווישען די פיעלע טויזענטער גע'שמד'טע פון די לעצטע יאהרען אין רוסלאנד וועט זיך געפינען לאו דיין איין פראצענט פון אמת-גלויביגע קריסטען!

און ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען? איך גלויב גאנץ זיכער, אז אויב אפילו צווישען דער אידישער יוגענד וואלטען זיך איצטער געקאנט געפינען מענשען, וועמעס רעליגיעזער גלויבען האט אינוועניג אין הארצען בעקומען א קריסטליכע פארם, וואלטען קיין איינער פון זיי, דוקא אויס טרייקייט צו זייער אמת קריסטליכען גלויבען גראד איצט ניט געקאנט ארויסטרעטען פון יודענטום, ניט געטארט ארויסטרעטען פון יודענטום, ניט געטאהרט איבער צום שמד, מחמת דעם פשוט'ען טעם, וויל דאס וואלט געהייסען, ווי מען האט דאס שוין לאנג געזאגט, פערלאזען דעם לאגער פון די פערפאלגטע און איבער אין דעם לאגער פון די פערפאלגענדע, פערלאזען די דולדער און אנטלויפען צו די פייניגער, — א חטא, וואס קיין אמת'ער תלמיד פון ישו דעם נוצרי וואלט זיך קיין מאל ניט געקאנט מוחל זיין.

ד״ר. ח. זשיטלאָווסקי.

ניין! איך קאָן מיר ניט פֿאָרשטעלען, אַז אפֿילו איינער פֿון די טויזענטער געשמד׳טע זאָל האָבען אָנגענומען דעם פֿרעמדען גלויבען מיט׳ן גאַנצען האַרצען. דאָס זענען געווען און דאָס זענען גאַנץ פשוט׳ע היינטישע נאַטורען, וואָס ווילען איך טאַטע־מאַמען פֿאַרקויפֿען, די אייגענע נשמה אויסשפּייען, אַבי צו־צושלאָגען זיך צו דעם טאָפּ לינזען, צו וועלכען זייער נשמה רייסט זיך מיט אַזאַ האַסטיגען אימפּעט; דאָס זענען פשוט׳ע ציגיינער, וואָס האַלטען ווי יעדער ציגיינער, אַז יענע רעליגיען איז די בעסערע, פֿאַר וועלכע מען גיט מעהר חזיר־שמאַלץ.

ווער האָט אָבער אַרויסגעבראַכט אָט די דאָזיגע חזיר־שמאַלץ־נאַטורען, אויב ניט די אַסימילאַציע? אויב ניט דער ברען פֿאַנאַנ־דערצוריען אַלע ווענד, וואָס טיילען אָב דעם אידען פֿון דעם ניט אידען, וואָס גיכער צו־צופּאַסען זיך צו דער פֿרעמדער סביבה אַזוי, אַז זי זאָל גאָר ניט בעמערקען, אַז אין איהר דרינגט אַריין עפּעס פֿרעמדעס און צולעגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט ווי אין דעם פֿאָטערס ווייגאָרטען?

אָט דאָס ווילען וואָס גיכער ווערען „אויס איד“, וואָס גיכער ווערן אין אַלץ גלייך צו דעם פֿרעמדען מוז זיין פֿערבינדען מיט דעם שטרעבען וואָס טיפֿער צו פֿערבעהאַלטען דאָס אייגענע, צו פֿערלייקענען עס, צו פֿערלייגען עס פֿאַר זיך אַליין אָדער לכל הפחות פֿאַר דעם פֿרעמדען. אויף אָט דעם אינוועניגסטען שקר, אויף דעם חוצפּה׳דיגען ליגען אַז „איך בין ניט איך, נאָר דו“ איז אויפֿגעבויט די גאַנצע טהעאָריע און די גאַנצע פּראַקטיקע פֿון דער אַסימילאַציע. און ווי יעדער ליגען, וואָס גנבה׳ט זיך אַריין אין דער נשמה, האָט אויך דער שקר פֿון דער אַסימילאַציע געמוזט, ווי אַ וואָרעם, אויסעסען אין איהר דאָס געפֿיהל פֿון געזונטע מענשליכע חשיבות, פֿון דעם אייגענעם ווערטה.

קאָנען מיר באמת שטאַרק פֿעראיבעל האָבען אויף דער אַנטי־סעמיטישער כאַראַקטעריסטיק, וועלכע מיר געפֿינען ביי אַ סך עהרליכע שונאים אונזערע (מיר האָבען גאַנץ געוויס אויך עהרליכע שונאים), וואָס מאָלט אונז דעם אידענס נשמה, בעדעקט אין גאַנצען מיט אייטערנדיגע וואונדען? זיי האָבען פֿאָרמולירט דאָס, וואָס זיי האָבען אָנגעטראָפֿען אין זייער לעבען, און אין זייער לעבען האָבען זיי געזעהען דעם רעליגיעזען משומד אָדער דעם קולטור־משומד, די צופֿוילטע נשמה מיט איהר „הלעיטני“ נאָך דעם מאַטעריעלען און דעם געזעלשאַפֿטליכען ערפֿאָלג, מיט איהר קריכען אין שטויב

די אַסימילאַציע

פֿאַר דעם שטאַרקען און דער אויפֿגעבלאָזענער גדלות פֿאַר דעם שוואַכען.

אמת, די דאָזיגע צופֿוילטקייט בעמערקט זיך נאָר אין דעם ערשטען אָדער העכסטענס אין דעם צווייטען דור פֿון די אַסימילירטע אידען. די דורות, וואָס ווערען אויפֿגעצויגען אין דער שוין אַסימילירטער אידישער סביבה, וואַקסען אויס מיט אַ סך אַ נאָרמאַלערער רוהיגערער און חשוב'ערער פּסיכיק. דער אינווענינגסטער סוביעקטיווער שקר איז אין זיי פֿערשוואונדען. זיי פֿיהלען זיך באמת ווי רוסען, פּוילען, דייטשען, פֿראַנצויזען. אָבער דער אָביעקטיווער שקר פֿון דער אַסימילאַציע בלייבט אויך דאָ. די אַרומיגע וועלט גיט זיי פֿריהער אָדער שפּעטער צו פֿיהלען, אַז זיי לעבען אין אַ גרויסען טעות, אויף יעדען שריט און טריט בעווייזט זי זיי, אַז „דו ביסט דו און ניט איך“, און אין דער אויסגעגלייכטער, נאָרמאַלער מענשליכער נשמה פֿון די שפּעטערע אַסימילירטע דורות, דערהויבט ביי די איידעלסטע עקזעמפּלאַרען פֿון זיי, וואַקסט אויס די טראַגעדיע פֿון דעם אַסימילירטען אידען, וואָס איז מיט זיין גאַנצען הארצען צונויפֿגעוואַקסען מיט דעם פֿרעמדען פֿאָלק און דער פֿרעמדער קולטור און ביי ווען דאָס לעבען רויבט מיט אַ מאָל אַוועק אַלץ, וואָס איז איהם אַזוי ליעב און אַזוי טהייער, — די טראַגעדיע פֿון דעם בן־מלך, וואָס דערוויסט זיך אין איין שיקזאַל־שווערען פֿריה־מאָרגען, אַז ער איז אַ „פֿערביטענער“, אַז ער איז אין תוך אַריין דער זוהן פֿון אַ פּשוט'ן דאָרף־פּויער, וועמען מען האָט על פּי טעות אויפֿגעצויגען ווי אַ פּרינץ...

ווי עקעלהאַפֿט און קאָמיש עס איז — ביי דאָס רוב זיך אַסימילירענדע — דער פֿאַרם פֿון דער אַסימילאַציע אין דעם ערשטען דור, אַזוי ערנסט און טיעף טראַגיש איז דער בראָך אין דער נשמה פֿון דעם אומשולדיג אַסימילירטען, בעת עס עפֿענען זיך איהם אויף די אויגען אויף זיין ווירקליכער נאַציאָנאַלער לאַגע און אויף דער ראָליע, וועלכע ער שפּיעלט אין דעם פֿרעמדען לעבען. שוואַכערע נאַטורען געהען אַרויס געבראָכען פֿון יענעם טראַגישען קאָנפֿליקט אין דער נשמה. זיי ווערען היסטעריש, אָהן אַ ברעקעל האַלט אין לעבען. באַלד שפּיעלען זיי חוצפּה'דיג דעם אויף צו־להכעיס פּויל, דעם אויף צו־להכעיס דייטש; באַלד ווידער ווערען זיי נערוועז אויף צו־להכעיס אידען, וואָס דערעסען יעדען איינעם מיט זייער שטענדיגען קליינליכען אידישען ראַסען־שטאָלץ. דאָס רוב בלאָנקעט זיך אום ווי שאָטענס מיט צונויפֿגעפּרעסטע ליפּען, מיט אַן אייביגער

װאונד, בעהאַלטען טיעף אין דער ברוסט, און נאָר װעניגע, די שטאַרקערע, די מוטיגע געהען אַרויס בשלום פֿון יענער טראַגעדיע, װען זיי געפֿינען װידער דעם װעג צו זייער פֿאָלק, װען זיי פֿערבינדען װידער זייער לעבען מיט דעם גאַנצען היסטאָרישען גורל פֿון זייער אומה. ערשט יעמאָלט הויבט װידער אָן עטהעמען פֿריי זייער ברוסט, גלייכט זיך אויס זייער רוקען, און די נשמה געפֿינט איהר יסוד און איהר רוהיגען האַלט.

אַזוי האַלט דאָס די אַסימילאַציע אויף דעם דריטען צוזאַג איהרען — אויסגלייכען די פּסיכיק פֿון דעם אין גלות פֿערהויקערטען אידען. אין איהר אָנהויב בעדעקט זי די נשמה מיט בײַלען און אייטערנדע קרעץ, אין איהר מיטען — פֿערװיקעלט זי די אויסגעהײלטע נשמה אין אַ טראַגישען קאָנפֿליקט מיט זיך גופא און דער װעלט און אין דעם סוף, װען די נשמה קומט װידער אַ געלייטערטע צו זיך, איז שוין יעמאָלט — אַ סוף צו דער אַסימילאַציע...

באַנקראָט אין דעם פּונקט פֿון אַנטי-סעמיטיזם; באַנקראָט אין דעם פּונקט פֿון קולטורעלער ענטװיקלונג; באַנקראָט אין דעם פּונקט פֿון בעשאַפֿען אַ בעסערען מהות מענש, — אָט דאָס איז דער סך-הכל פֿון דער אַסימילאַציע.

איך װיל בשום אופן ניט לייקענען, אַז דער אַסימילאַציאָנס-פּעריאָד פֿון דער אידישער געשיכטע האָט אונז פֿיעל גוטעס געבראַכט. עס איז בכלל ניטאָ קיין פּעריאָדען אין אַ געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק, װאָס זאָלען זיין „כולו חייב", לויטער פֿינסטערניס און צער. אָבשעצען דאָס גוטס, װאָס די אַסימילאַציע האָט געבראַכט דעם אידישען פֿאָלק, — דאָס דאַרף געמאַכט װערן אין אַ בעזונדערער היסטאָרישער אויספֿאָרשונג. דאָ אָבער האָבען מיר נאָר צו פֿערשטעהן, פֿאַר װאָס די אידעאַלען פֿון דער אַסימילאַציע האָבען געמוזט פֿערבלאַסט װערן אויף אונזער גייסטיגען הימעל, און פֿאַר װאָס עס האָט זיך געמוזט אָנהויבען אַ נייער פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון דעם אידישען פֿאָלק, װאָס טרעט קודם כל אַרויס אין אַ העפֿטיגען קאַמף אַנטגעגען דער אַסימילאַטאָרישער צייט...

איך האָף, אַז אַפֿילו דאָס װעניגע, װאָס איך האָב דאָ אָנגערירט װעגען דעם ענין פֿון אַנטיסעמיטיזם, פֿאָלקס-קולטור און אידישע פּסיכיק, מוז מאַכען קלאָר יעדען איינעם, פֿאַר װאָס מיר לויפֿען צוריק פֿון יענעם װעג, אויף װעלכען מיר האָבען געגלויבט צו דערגרייכען די העכסטע אידעאַלען פֿון דער מענשליכער ענטװיקלונג און פֿאַר װאָס מיר שטויסען זיך צונויף מיט דעם אַסימילאַטאָר

ברוסט אַנטגעגען ברוסט. אָבער ניט פֿון די פּראָגרעסיווע אַלגעמיין־מענשליכע אידעאַלען אַנטלויפֿען מיר און ניט צוריק אין די אַלטע הייהל אַריין ווילען מיר אַריינשטויסען די, וואָס זענען נאָר וואָס אַנטלאָפֿען פֿון דאָרטען. מיר זוכען אַן **אייגענעם וועג** פֿאַר דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג פֿון דעם אידישען פֿאָלק, פֿאַר דער פֿערווירקליכונג פֿון אויפֿקלערונג און סאָציאַליסטישע גערעכטיגקייט אין אַלע ווינקעלעך פֿון זיין לעבען, — אַן **אייגענעם** וועג, ווייל דער אַלטער וועג פֿון אַסימילאַציע, אויף וועלכען מיר האָבען פֿריהער געזוכט דעם אידעאַל, האָט אונז דערפֿיהרט ביז צו אַ תהום, וואו עס הויערט די גלות־שלאַנג מיט איהרע דריי קעפּ: דעם פֿערשאַרפֿטען אַנטי־סעמיטיזם, די פֿערהויקערטע אידישע קולטור די צוקראַכענע אָדער צובראָכענע אידישע נשמה.

און אויף דעם נייעם אייגענעם וועג פֿון קאַמף אַנטגעגען אַסימילאַציע, פֿון שאַפֿען אַ פּראָגרעסיווע אַלגעמיין־מענשליכע קולטור אין אַן אייגענער אידישער פֿאָרם רופֿען מיר אַלעמען, וועמען עס איז ענג אין דער אַלטער הייהל...

דער נייער וועג איז נאָך ניט אין גאַנצען אויסגעטרעטען. עס געהען נאָך אָן סכסוכים וועגען דעם, וואוהין ער וועט סוף־כל־סוף פֿיהרען: צו אַן אייגענער פּראָגרעסיווער קולטור אין די גלות־לענדער? צו אַן אייגענער היים ערגעץ־וואו אין דעם וועלטען־רוים? צו דער ווידערגעבורט פֿון אונזער אַלטער היים אין ארץ־ישראל? צו דער פֿערווירקליכונג פֿון אַלע דריי מעגליכקייטען? עס געהען נאָך אָן די אַלטע צווועדטיגטע און פֿערפֿלאָנטערטע סכסוכים, אָבער פֿון זיי, פֿון אַלעמען לייכט שוין אַרויס, ווי אַ זון, דער קלאָרער אמת:

דער ערשטער בעדינג צו שטעלען זיך אויף דעם נייען וועג איז פֿערלאָזען דעם אַלטען. דער קאַמף אַנטגעגען דער אַסימילאַציע אין טהעאָריע און פּראַקטיקע, אַנטגעגען אַלע איהרע אָפֿענע און בעהאַלטענע פֿאָרמען, און וועלכע זי טרעט אַרויס אָדער גנבה׳ט זיך אַריין אין אונזער לעבען, איז דער ערשטער בעדינג פֿאַר אונזער קאַמף פֿאַר דער ווידערבעלעבונג פֿון דעם אידישען פֿאָלק, פֿאַר דער פֿערענטפֿערונג פֿון דער איביגער אָנגעוועדטיגטער אידישער פֿראַגע; מיר מוזען ווידער ווערען סאָלידאַריש מיט דעם געשיכטליכען גורל פֿון אונזער פֿאָלק; ווידער אָנהויבען שפּינען דעם פֿאָדים פֿון זיין נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג; פֿערזיכערן איהם אַ רוהיגען נאָרמאַלען פּראָגרעסיווען לעבען אויף אייגענע

ד״ר. ח. זשיטלאָווסקי:

אידיש-נאַציאָנאַלע יסודות; אַרבײַטען פֿאַר זײַן אַרײַנטרעטען אין דער משפּחה פֿון דער פּראָגרעסיווער מענשהייט, ווי אַ גלײַכבערעכטיגטער ברודער צווישען ברידער; פֿאַר זײַן ווײַטערדיגער נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג אין מענשליכער ווערדע און חשיבות.